STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01995

GOLDENER GOLES

Shloime Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שוואַרץ

★

גאָלדענער גלות

שלמה שווארץ

גאָלדענער גלות

לידער

פאַרלאַג „המנורה“, תל־אביב
תשל״א — 1971

SCHLOIME SCHWARTZ

GOLDEN EXILE

שלמה שוואַרץ / גאָלדענער גלות

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St, Tel-Aviv, Israel

©

אַלע רעכט געזיכערט

Copyright by S. Schwartz 726 Junior Terrace

Chicago ILL — 60613, U.S.A.

Printed in Israel 1971 — נדפס בישראל תשל"א

דפוס „אורלי", רח' עקיבא איגר 8, תל־אביב

דאָס בוך איז געווידמעט אַלע נעכטנס און אַלע מאָרגנס
אין פאַרטאָגיקער ליכטיקייט פון מיין הויזגעזינד:

רחלען — מיין פרוי,
שאַיעלע און דוד —
מיינע צוויי זין,
פריידעלע און אסתרן —
מיינע צוויי טעכטער.

מיט טיפער ליבשאַפט און האַרמאָניע.

ש. ש.

בלויבּאָנטיקדיק

קום, פּעגאַז דו,
ברענג מיר אַ לאָנקע יידישע לידער
אין דעם וואָכיקן טאָג דעם קאַלטן.

לכה דודי

קום
איבער די הויכע אַנגעגורטע מויערן,
פלי אַריין
דורך מיין יידישער טיר
מיט אויסגעצוואָגענע שטערן
מיט אָנגעצונדענע רגעס
פון חלום און חידוש
אין קידוש־כוס פון רויטן וויין.
ברענג
אַ טשאַטע פליגל־יאָרן
מיט שטיקער שירים
אין דער בין השמשותדיקער היימישקייט.
קום,
ניט מיט טרערן, נייערט מיט גלויבן,
אַז דו און איך וועלן תמיד בלײַען
אין מיינע יידישע סטראָפן.

ס׳איז איך און דו און דער זמר,
וואָס לאָזט זיך ניט פאַרוויגן,
ווען דער פאַרטרערטער האַרבסט
לעשט אוים די ליכט פון די צווייגן.

אין דעם בינשטאָק פון חלומות

קאַקטוילצייט. מידברדיק היים.
דער טאָג ליגט איינגעמויערט
מיט שטויב אין מויל.
די נאַכט צינדט אָן אַ פייערל
אין מיינע אויגן,
פירט מיך ווייט אַוועק
פון טאָגטעגלעכע לאַסטן
ווייטער פון שטאָטישן נעפּל,
ווייטער פון שלאָף.

די נאַכט שאַרט זיך נאָך
אין דעם צעטראָגענעם פאַרביי!
דורך דעם טשופּרינענעם רויך,
אין האַלבדרימל,
אונטער דעם אויסגעליידיקטן הימל,
חלום איך
פון פייגל, פיש און ליכט.

ברכת המזון

שיק אראָפּ, גאָט, דיינע רעגנטראָפּנס
מיין זיידנס פרומע נעגל־וואַסער
מיט אַ סטאַדע תּפילות, ווי אין זיינע צייטן,
צו בענטשן,
ווי ס׳פּאַסט פּאַר רב יודלס אַן אייניקל,
די טאָגטעגלעכע צעפּלאַכטענע סעודה דיינע
אין דער אייזערנער אַקוסטיק פון מיין שטאָט.

עלעקטריש נאַקעט איז די שטאָט,
אויסגעפּוצט מיט געצעריי
און אויסגעטאָקט אין ליכטיקע עבֿרות;
צעפינקלט מיט עבֿודה־זרהדיקע רעקלאַמעס,
אָפּנאַרעריש,
מיט אַ ווילדער שיינקייט.
ווער זאָגט, אַז דאָ האָב איך דיך פאַרלאָרן?
אין יעדער קנעכטיקער שעה פון אָנבייסן
ביז אָוונטברויט
זינג איך דעם אור־משפּחהדיקן ברוך הוא
פון אומעטום, אַרום און אַרום,
און באַפעל אַלע אויטאָס צו פאָרן פרום,
שטיל־שירהדיק פרום,
ווען דו שפּרייזט פאָרויס, פון סידור אַרויס,
דורך אַלע מיינע שויבן.

חלום מיינער

א

ווען די פינצטערניש
דראַפּעט זיך צום הויכן באַרג
און האַלדזט דעם קילן נעפּל,
פאַלט דער טאָג אַוועק מיט דרימלדיקע אויגן.
אַלע אָנגעזאַמלטע יוגנטלעכע סודות
פון צעשפּיגלטע האָריזאָנטן
באָדן זיך אין שקיעה־שטראַלן.

די חילולדיקע שעהען
מיט אויסגעלאָשענע טייטשן
טוען זיך אוים פון ווילד־הייליקן טומל,
ווערן באַפאַלן פון דער אייביקער אַסיפה —
חלומות אויפגעוואַכטע
פליִען דורך די שויבן.

זיי טראָגן דיך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם
פון העכסטן טורעם אַראָפּ,
זיך אָנצוטאָן אין דיין צעדאַוונטער
פרישקייט פון פרימאָרגן.

ב

דער טאָג קומט מיט רעדער־געררויש
בהלהדיק אין געלאַף,
מיט לייב און העמד אין חשבונות,
אָנצויאָגן
די פאַרגוואַלטיקטע געבאָטן
דורך אָנגעצונדענע דראָטן.

זיי געהייליקט, נאַכט דו שטילע,
אַפילו אין אַ פּראָסטן וואַכנשלאָף.
דער פאַרשווועכטער חלום
ליגט באַקליידט און באַשוכט
אין דעם גראַניטישן פּאָלירטן
הונדערט־גאָרנדיקן אָרון.

ג

גוט־מאָרגן דיר, חלום,
אין סביבה פון גרויסן טומל!
דו ביסט נאַכט און איך בין טאָג,
און גאָט איז ווייט,
ווייטער ווי אַלע סופּזומער־פאַרבן.
מיר בלייבן אַליין.

ס'רוישט דער טאָג מיט טויזנטער לאָמפּן,
געצווילינגט מיט זון דורך די שויבן.
דער ווינט פון וועלדער און טייכן
פעכט מיט די צעריסענע סעקונדן,
וואָס לאָזן זיך פאַרפירן
הינטער די פאַרשלאָסענע טירן.

בלייב דו מיר געטריי, חלום דו,
מיט פרומע טריט
צווישן מיינע דאָן־קיכאָטישע שטערן,
דער פאַרגלויבטער וואָגלער
דער איינאונאיינער.

ערב-וואָך

ערב-וואָך לויערט דורך די פענצטער
אין חלבנער פאַרנאַכטיקייט
מיט אַ לאַפּע פינצטערניש.
דער שבת ליגט צעוואָרפן אונטער שטערנשטויב
אין פלאַמיקן הבדלה-שפּיל
מיט גרונט-בונטיקע געפאַרן.

אַ שנאָבל ליכט
טייטלט
צו די שטנדיקע מיסטישע מיראַזשן
פון אוים-שבתדיקייט.
דאָס פענעצל ליכט קלאַפּט טומלדיק
אין דער נאַכטיקער פאַרקלערטקייט,
און גוטוואָך
זופּט אַ היים טעפּעלע תהילים
שווערוואָך בלוי.

שחריתדיק

מיט פאַרדרימלטע שטערן
און שלעפעריקע רייד
וויגט זיך פרימאָרגן דורך פייערדיקע אותיות
דורך אַלע שויבן
אין אויפגעשלאָסענעם ווונדער פון
מיין שטאָט.

ניט דעם שכנס רויטע העגער,
נאָר דער אָנגעשטעלטער
זיידע־זייגער זיינער
און די שנעלע גרילצנדיקע על־רעדער
האָבן
דעם פרימאָרגן
מיט אויפגעוואַכטע שפּורן
אַל־טומלדיק,
די ליכטיקייט אויפגעקנעפּלט —
אַזוי אַ נאָך מציל זיין
די נאַקעטע ושתי־נאַכט
פון לויערנדיקע געפאַרן.

מה טובו
די איינגעראַמטע שפּיגלען;
די היימישע וואַרעמקייט
פון צעשטיפטע בעטן.

צעפּראַלטער עכאָ

א

אוראַלט און אולטראַ אויף שטאָטישע אַספאַלטן.
די מאָנונג ווערט גרעסער צווישן מויערן.
כ'הער לוי יצחק בערדיטשעווערס טענה
אין וואָלט וויטמאַנס סטראָפן —
די לבנה הילכט אין די אויערן.

די לבנה, אַ פאָנאָגראַף־פּלאַטע אין שויב.
דער הויכער אייבי,
די אומפאַרענדיקטע נאָטע צווישן שטיין און שטויב,
אַ שטאַרקער אות אין מיין קינה...
די בר־כוכבא־מינע פון מיין שטאָלץ
לאָזט זיך ניט שפּאַלטן.

ב

דער ווילדער טומל, מעטראָפּאָלישער אַרשין:
ס׳איז מיין, ס׳איז מיין.
ס׳קלאַמערט זיך גוף אין יעדן שטיין —
ביסט געפאַר, ביסט שיין.

כ׳בין ייד
צעגליט — אַ ווירקלעכקייט.
אָט זע:
מעטראָפּאָלישע פּיראַמידן שטייען ווי יידן
מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער
צו זיין קדושה,
גליך ס׳וואָלט משיח אין גרויען גראַניט
זיך פאַרשמידט
מיט אונדזער ירושה.

דער ווילדער טומל פירט מיך צו דיר
דורך וועלטלעכע געפאַרן.

ג

מיין שוועסטער טרינקט ווי תמיד לאַ־צעם בענקשאַפט
דעם לאָמפּ נישט אָנגעצונדן.
די שעה איז שיכור.
דער ווייזער קריכט צו מיסטישע אָלטאַרן
זינגט דעם שעהיקן דועט
פון אונדזער קרנדיקן עיקר.

פון שיר־השירים ביז איכה — איין כתב.
די זון ליגט געפאַנגען אין ביבלישע וואַזן.
דער פאַרנאַכט אַ מאַנדאַרין אין רויִקן שפּאַנען.
כ׳זע דיך, מילי־מילי־מאָלן אין קוואַליקע עקסטאַזן —
קום אַרוים צו מיר, ניט פאַרגיי פון דאַנען.

פון בערדיטשעוו ביז וואַרשע — איין ציטערדיקער קדיש.
די קאַנאָנען פאַרוויגן אי גאָט, אי רוים.
דער טרוים איז מיד. דער ים מיט בלויע רייד,
דאָס זאַלץ, אַ שאַרפע ים־שריפט — זיגזאַגיק.
ס׳רעדט די שטאָט אַ פּראָסטיקע טראַגיק.

ד

כ׳האָב היינט געזען מענטשן אין שטרייט פאַר צייט.
איך בין איינער פון זיי.
דאָס בליי —
ציטערדיקע ברעקלעך פון אַן אויסגעלאָשענעם יום־טוב —
זילבערט די גאַס מיט צינגלדיקער קלוגשאַפט.
איך ווי זיי
האָב אין מיטן גאַס געשלאָגן די פאַרשטיינערטע צייט.

די יינגלשקייט שוין לאַנג פאַרשפּילט.
דער שׂטן אין ווינקל ער וואַרט שטענדיק.
די טריט פאַרשווענדיק —
דאָס אויג — אַ שרײַיִקער מדבר.

זינגענדיקע פינגער

ווען דו האָסט מיך איינגעדעקט מיט אַ ניגון
ביז איך איינגעשלאָפן מיט זינגענדיקע פינגער.
איצט וויל איך פאַרבינדן די ווייטקייט פון טאָג
מיט דער נאָענטקייט פון דער שטילער נאַכט.

אי דערפאַר, וואָס דו ביסט ווייט אַוועק פון מיר,
אי דערפאַר, וואָס דו זינגסט אַזוי נאָענט אין מיר,
בין איך ניט זיכער מיט דיין נאָמען —
זאָל איך דיך רופן מאַמע?
זאָל איך דיך רופן מוזע?

דער טאָג האָט מיך פאַרשיקט אין אַלע זייטן.
נאָר אויף מיין האַלדז דיין קוש —
רייטלט זיך געטריי און לויטער.
איצט דערקען איך דיך,
דו מאַמע, דו מוזע.

אין דער קאַלטער ממשלה

ווען די בלעטער פאַלן פון די ביימער
קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.
דער רויטער האַרבסט טוט ליגן צעשויבערט,
מיט קלוגשאַפט,
אויף שטאָטישן פלאַך.
מיינע שויבן זעען אַ פאַנטאַסטישן מיראַזש.

דער טאָג אויף הינערשע פיסלעך
וויל זיין היימיש מיטן בייזןווינט.
נאָר די מענטשן
פאַראַדירן ניט מער
און קעמען מיט דינע טריט דאָס שוואַכע גראָז.

אַ מאָל האָט דער האַרבסט מיר געלערנט
דעם גאַנצן מאָדוס פון פאַרב און וואָר.
דאָס קליינע שטיקל ערד מיינס
האָט ליב געהאַט מיינע פינגער
פון זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט, זאַלבעפערט.
איצט איז דאָס לשון דריבנער שרויט
פאַרפאַקט און פאַרזיגלט מיט צעזאַרם גלוסט.

ס׳ווילט זיך
אַרויפקלעטערן אויפן רויטן בוים
און אַראָפּפליקן פון דאָרט
דעם בייזן חלום
און זיך לייגן שלאָפן אויפן ווייכן וואַסער.

יאַגד

די סאָבוויי — אַן אומדערפּאַרענער יעגער
אין דער פינצטערניש
צעשרייט,
צעוואָרפט,
צעשאָקלט אַלץ מיט אַנאַנדער.
די שטילקייט דערשאָסן.
די ליכט אויסגעלאָשן.
דו פּאַלסט אין מיינע אָרעמס —
אַ געפאַנגענע.

דער טונעלישער שפּריצנדיקער פייער־רעגן
טאַנצט פאַר די אויגן,
דורך די שויבן,
דורך אַלע טירן.
לאָמיר לויפן ווייט פון בלויען שטאָטישן דזשונגל,
פאַרשווינדן אין דער פייכטער
נאַכטיקער פעל,
און הוידען זיך איבער די שטערן,
און קיינער, אַפילו די שלאַנג,
וועט ניט זיין צווישן אונדז.

שיר השירים אשר לשלמה

א

...און זיבן מאָל זיבן דער עפּלבוים צעבליט.
לאָמיר צעשניידן די רייפע פּירות —
איך בין אָנגעלאָדן מיט הונגער.

דער עפּלבוים פלאַקערט מיט פריידיקע ניגונים —
ס׳טאַנצן דיינע האָר מיר אַנטקעגן;
און איך מיט טויזנט ווידערקולות זינג אין דיר
ביזקל די זון קלינגט אָן אין די שויבן.

דער דרויסן בליצט טעלערדיק מיט פרוכט.
די זון קעכלט דעם ביסן.
די בלעטלעך, ווי יונגע אויערן, פאַרנעמען דעם סוד
פון די וואַרעמע טריט אין געשמאַקן פרימאָרגן.

ב

ס׳קושט דער רעגן די שנעלע טריט
ווען איך אייל זיך צו דיר,
און פּלאַטער ביי דער טיר.

דו זאָגסט: די ליבע איז פלינקער פון ווינט.
דיין מויל ווי אַ טרויב דערקוויקט, דערפרישט.
איך ווער ווי מיט וויין מיט דיר אָנגעזויגן
ווען די זון פאַרבט געטריי דיינע אויגן.

חלהדיק פריש די לבנה אויפן טיש,
נאָר די זעטיקייט, זיי מוחל, אין דיינע ליפּן.
לאָמיר בענטשן דעם ליכטיקן לחיים-קאָליר,
וואָס כישופט, ווי דיין קוש, אין מיין שיר
השירים אשר לשלמה.

על נהרות מישיגען

על נהרות מישיגען

משה גיציסן — אַ מתנה

1

על נהרות מישיגען זענען מיר געזעסן,
יונגע משוררים מיט פרישע סטראָפן,
געזונגען און ניט באַוויינט די טויטע לידער
אין נאַכטיקע מוזייען.

ביים יונגן ברעג,
אונטער דער שפע פון זונשטראַלן
שיר־השירימדיק אַנטקעגנגעטראָגן
פאַרשותפותדיקע שורות
פון יונגוועלן
אין אַ נעץ פון ניגונדיקן רעגן.

ארום וואַסער דעם קלאָרן
דעם זומער אַרויסגעזויגן,
מיט פייגל און ווינט,
פרילינגפול
די שירה פון אונדזער אָנהייב.

2

געבענטשט איז געווען דער אָנהייב
דער אָנהייב פון הענגל טרויבן;
פון צונויפגעפלויגענע טויבן,
פון זון, שטערן און מיט לידער פול.

מיטנאָכעפּעם —
קוועקזילבערדיקע כוואַליעס
דורך די פּיספּינגער.
די מיסטעריע פון ווייטע ספערן.

נאָך דעם:

דער אויסגעלייטערטער רעגן איבער אַלע ביימער,
אַריבער די אויפגעשפּיצטע גראָזן
אַרום די אויסגעפּוצטע ברעגן —
אַיעדער אות אויבן אָן
מיט פאַרצווייגטן גוטס פון יאָרן.

אַפילו דער אומעט איז רייכער געוואָרן
ביים לייק מישיגען
געזאַלבט אין יונגן לעקסיקאָן.

3

דעמאָלט,
אין יענעם אָנהייב
פון וואָרט באַפליגלט
האָבן די ווינטן, רוישיקע ווירטואָזן,
מיט ניגונים
פון אַל-תירא-לידער אונדזערע
צעהילכט,
דורך די זעלטענע יידישע סעדער
דעם בליציקן אויפוואַך
פון א נייעם זומער.

(מאָצאַרט האָט דענצמאָל
געשפּילט דורך הימלישע רויזן
אין מיין יונגפרוים אויגן,
די טיפע סודות פון מאָרגנלאַנד
אינעם גאָלד פון איר שווייגן).

אָט, דאָ,
אין אַ לאַנדשאַפט פון אויפגעלעבטע צווייגן
האָבן מיר געשלונגען עפּל, באַרן,
אַ פּאַרטייעטער הונגער אַזאַ פון זיין!
אויף די הויקערס פון אַלע פעלדזיקע שטיינער
ווויליונגעריש אויסגעקריצט אַפילו —
אונדזער זמר.

4

ויהי אור...
ס׳איז געוואָרן ליכטיק אין די געצעלטן.
גאָטס חסד האָט געוואַרעמט די אויגן.
די ליבשאַפט אויף די שפּיצפינגער
פון פּריליגנג —
מיט גלויבן.

דער זומער מיט זון אין די אויערן,
שאָפּעגס טרויערמאַרש: ניט געשטויגן, ניט געפלויגן...
די פייגל צו איינס, צו צווייען
פון זעגלען באַגלייט —
פון די גרינע גראָזן האָבן אויסגעקושט אַלע שנייען.

יהי — — —
מיט אַ נייעם טראָפּ אויף די ליפּן
אַ היים באַגער — ניט אָפּצופרעגן.
פאַרוואָר, דער טייך אַן אייביקער שפּיגל
אַנטקעגן דעם הימל —
פינקלט מיט ציכטיקע לידער.

5

אַלפאַרביקע ברעגן פון שירה און יוגנט.
די חתנשאַפט-צייט ביז אויסגיין...
ביז וואַנען, מיין גאָט, די שכינהדיקע שטילקייט —
סוף-זומער מאָלט אונדז מיט געקוילעטע פאַרבן.

אין נע־ונדישן צימער

א

אַלע דרויסנדיקע וווּנדערם
לעשן זיך אוים אין די שאַ-שטיל-קאָרידאָרן.
דו ליגסט פאַרשלאָסן
מיט געליימטע הענט און פים
אַליין,
צווישן אָפּגעשיידטע ווענט.

דער טאָג — פאַרלאָרן אויף אַ וואָגשאָל פון תפילות —
מיט פאַרוואָגלטע שעהען
און בלאַסע ברכות
קעגן דער געהיימער שטילקייט
פון איבערגעדעקטע בעטן.

די נאַכט
מיט מידות-טובות-שטערן
פאַרמעסטן זיך אַנטקעגן.
ס׳ווערט שטיל.
אוים גערויש.
אַ פולער קויש מיט שטילע רגעלעך
די לעפּעלעך רפואות.

ב
דאָ,
אין דעם נע-ונדישן צימער,
שיפּלט זיך דער גוף
מעת-לעתנווייז
צום גלעזערנעם באָדן אַרונטער,
אַ
ר
ו
נ
ט
ע
ר.
די שאָטנס ווערן גרעסער,
די נעכט — אייביקער און לענגער.

אין די געצעלטן פון דרימל

א

אין די געצעלטן פון דרימל,
פיבערט די ווייסקייט — פאַרפירעריש.
דער פאָרהאַנג ביים ראַנד פון בעט,
ווי אַן אָפּגעריסענער פליגל,
קען ניט דערפליִען.

אַלץ דרימלט דאָ, אפילו דער הילכנדיקער זייגער,
האָס קלאַפּט אַראָפּ די שעהען נידעריקער אין דער נאַכט.
מיר ליגן אין שווערער שטומקייט,
מיר ליגן געטריי צו דער נאָענטקייט.

דער טאָג, אַ פאַרקירצטער, שלעפּערט מיט אונדז צוזאַמען
אין דעם קינדערשן מולטער פון עטער.
אין אַזאַ הויקערדיקער טונקלקייט,
הענגט די לבנה מיט יענערוועלטיקער ליכט —

און די נאַקעטקייט בליט בלאַסער, בלאַסער.

ב

אין די געצעלטן פון דער פאַרמעטענער דינקייט
איז אויך דער דרימל באַצירט מיט חלום.
דאָס יונגע, ווייסע מיידל איז איבערגעגוג צערטלעך
און איז פאַרקילט מיט טרויער.

אין איר קריגל קוואַלט דאָס וואַסער מיט יונגשאַפט
און שפיגלט זיך אויף אַלעמענס ליפּן.
מיר ליגן געקרוינטע מיט ווייסקייט —
פון דאָרשט פאַרכאַפּט, רירלאָז, צעצונדן.

צופוסנס ליגט די נאַכט מיט שטילע אויגן.
די שטילקייט איז באַלאָדן מיט פינצטערניש.
ווי נאַכטוואַנדלער לאָזן מיר זיך קלעטערן
צוריק צום לעבן, צוריק צום הונגער.

ס׳געוועלטיקט דאָ אַ פלעמעלע לעבן.
די ווייסע הייליקייט
מתפּללט
קאַרגע רייד פון פרייד.

די ווייטיקן יאָגן אָן
און ציִען דיך אַוועק
אַלץ ווייטער און ווייטער.

ווּהין?
פון סוב־ביז־סופער־גאָרן
די הימלטיר בלייבט אָפן.
דורך די שוואַרצע פאַלדן
פון שווערן פאַרהאַנג
קלאַפּט ווי אַ שונא
דאָס קאַלטע אויג פון זייגער.

ג

ווּהין?
ס'קען זיין, אַז מיין טאַטנס שטיין
איז מלא געוויין
צווישן די שנייען.
דאָ איז אַלץ ווייס
ביז ווייטסטער ווייט —
דאָס ליכט פון שניי.

שוין אויסגעזויגן דעם גאַנצן טאָג
ביז ערב־נאַכט
און פאַרביסן מיט מיין זיידנס מחשבה:
האָב ניט מורא פאַרן שטאַרבן.
דער זיידע הויערט
דורך די קאַרגע קוואַלן פון שפּיטאָל־ריחות
מיט אייביקער חכמה:

ס'איז אַ פּאַפּירענע וועלט!
און גאָט איז פּילפּאַרביק אין פעלד.
זיינע זומערדיקע קאָלירן
זענען תמיד צוקאָפּנס
און די שקיעה —
אַ נר־תמיד צופוסנס.

ד

כ׳ליג געפאַנגען
צווישן עק ווינטער און זומער
אין אַוונטיקע דמיונות.
פאַרביי!
די אַנגעפּילטע שרעק וועקט,
רופט!
די נאַכט איז שווער און לער און קאַרג —
מתנותלאָז.

פחד און רחמנות באַהערשט
די שפּעטע שעה,
די סובשטילקייט פּליסטערט
ווידער אַ מאָל: פאַרביי!
דער זיידע מיט אַ זמרל:
פליש פון מיין פליש,
לאָמיר צעעפענען אַ שמחהלע
אין דיין יידישן אינגעווייד —
לאָמיך דיך פאַרוויגן —
מיט בטחון.

אָ, יידישער טרויער מיינער,
ווער וועט זעטיקן דעם הונגער
פון די צעשניטענע בלויע אָדערן,
צעהאָנגענע
אויף די אָנהייב-זומער-צווייגן?

דער זיידע טוט שווייגן
און קושט מיין האַרץ
דערנעבן:
דו — וועסט — לעבן.

ה

דאָס פּעטיט־בלאָנדע שוועסטערל
זשומעט אַ שפּריץ לעבן
אין אויער.
אירע פינגער טאַנצן איבער מיינע ליפּן
ווי דינע פּעכערס
און קילן די טרערן.

די קלייניטשקע היילִיקייט
פאַרוויגלט בתולהדיק־איידל
מיינע ווּנדן.
אוי, לעבן —
אַ ווייַנגאָרטן אירע יונגע ריחות.

זי פירט מיך פאַמעלעך
ביז צום הימל אַרויף.
התפּעלותדיק — דער פיבער
פירט מיך נאָך העכער.

דורך מיינע פאַרהיילטע ביינערפלייטן
שפּילט איצט כסדר זומערצייט
פון איר יונגשאַפט —
באַנייטער זומער, וואָס בליט
אין מיינע הויטן.

יוגנט

שטאָלצער פּאָסטראַט.
ס'ווילט זיך אַריבערשפּרינגען אַלע וואַסערן
צום אויפגעלויכטענעם הימל —
צו דער לבנה.

זי, אויף דיינע קני —
אַ ים מיט שטילקייט
פאַרוויגט דיך צוריק צום אָנהייב.

דו שפּרייזט אַ צוגעגרייטער צו
דער פרישער רגע
וואָס אָטעמט אין דיין ברוסט.

נאָך דעם
ווערט דער ים אַ שפּיגל,
און זי
אויף דיינע קני
וועט ניט אָפּלאָזן דיין האַנט
ביז
די נאַכט וועט שטומערהייט
אויסקושן דאָס ליכט פון דיינע אויגן.

פאַן אַמעריקאַניש

דאָס יונגע, שלאַנקע מיידל איז סטרוניק שאַרף און ריטמיש
דין.
זי איז נאָענט און וואַרעם, ווי ערשט פון גן־עדן אַרויס.
און ער, מיט די לאַנגע פּיאות, איז אויך ניט אַזוי פרום
אין דעם וואַקלדיקן קידער־ווידער.
ער, אָדם פון קאָנגאָ, פון רומבאַ, ער, אָדם פון טאַנגאָ־טאָל —
ציט וואָס נענטער צו איר.

זיי שפּרינגען חדווהדיק טריט נאָך טריט אין דעם
אויסגעפּוצטן דזשונגל.
אַ יאָגד אַזאַ צום טאַקט פון זיין גיטאַר און פּויק.
די געפאַר איז — ב אַ ל אַ ל ו, דער קעניג פון האָרן־רוף,
ווייסט וואָס צו מאָנען פון די אורטעג פון גן־עדן.

די פיס ווילן ווערן פליגל אין הייסן קאַראַהאָד.
די ביינער קענען ניט קיין אָרט געפינען.
זי פירט אים צום הויכן יום־טוב פון ווערן געפאַנגען —
וואָס נענטער צו איר.

זי איז כלומרשט מיד און דרימלט אָטעמדיק אויף זיין אַקסל,
אַ יאָגד אַזאַ פון כמה, כמה דורות.
ער וואַקסט איצט העכער אין אירע אויגן —
אַ פּאַלמע־בוים פון אַ מאָל,
ער, אָדם פון קאָנגאָ, פון רומבאַ,
ער, אָדם פון טאַנגאָ־טאָל —

שוין אַזוי נאָענט צו איר.

אַמעריקאַנאַ

I

II

אַמעריקאַנאַ I

מיין קאָלעגע קאַרל שאַפּיראָ

מגידות פון קאלאמאזו

דער בירגערלעכער הונגער
באַפוטערט דעם לאַבן טאָג,
וואָס זונטיקט אויף זיין טיש
שררהדיק שטרענג
מיט ראַדיאָ-קאָמענטאַרן.

דער דראָטענער ליליפוט גאָפּלט טיף
אין פאַרנאַכטיקער המוציא אריין
ביז די זון
אין נאַקעטסטער יללה
פאַלט מערבדיק
פאַר זיינע אויגן אין ים אריין.

זיין טאָג אין ערב-צעברעקלטקייט
פאַלט אים צופוסנס
ווי אַ דערקוילעטער עוף,
און די נאַכט פול שוואַרצקייט
באַשאַפט
אין הונגערס אויג
דעם בלינדן שלאָף.

דזשעק און דזשיל

די גלעזערנע שעה שפּרינקלט רייך
דעם שפּיל פון דזשעק און דזשיל.
און איידער וואָס-ווען —
די בערגלדיקע נאַכט לעמפּלט הינטער אים
מיט בענקשאַפט.

נאָר דזשעק און דזשיל
טרינקען דעם ווינטס קול
און האָבן ליב די נסיעה באַרג-אַראָפּ.
אַפילו דורך דעם האַריקן רעגן
זעגלט די לבנה איבער זיי.
די ווייטקייט האָט איצט די שליטה.

די שאָלעכצן פון שטערן

די זון אין פענצטער
איז זיך מודה,
אַז דער טאָג ווי זיין זיידע
איז אַלט.
באַלד
וועט די נאַכט באַמוטערן
דעם שטילן הימל,
פאַרוויגן דעם ברויזיקן ים
אין אַ טיף געזאַלצענעם דרימל.

אַט שפּרינגט אויפן וואַנט
אַ פלינק־שאָטנדיקער גאַזעל.
דער הימל איז לבנהדיק געל.
און אין שלאָפצימער
כישופט אומבאַפּאַטערט
די אויסגעשטאַנענע שטילקייט,
די ביינאַכטיקע ווילדקייט.

אויפן בעט די שאָלעכצן
פון שטערן
פלאַטערן
מיט אַלע זיבן טראָפּנס
פון פאַרוווּרף, מיט סודות.
די נאַכט קלעטערט צום נייעם פרימאָרגן —
אַ באַרוועסער עדות.

איצט צום בייזבאָל־שפּיל

דער המון איז וואָלפיש שיין און שגעונדיק ווילד,
ווי אין ערשטן וואַלד.
און דער באַל, בגוואַלט פליט העט־אַהין
צום הימל —
אַ צעפּליקטער ניגון.

הורא!

דער ערב־נאַכטיקער כעס
זיפּצלט פון מויל צו מויל —
ניט דערפלויגן!

אַ סברה,
אַפילו גאָט אין זיין איין און איינציקן סוד
איז אַ סך נישט עלטער
פון בן אָדמס אויסגעשריי.

וויי, וויי,
די פאַרנאַכטיקע מתפללים
לויפן קעגנוואַרט
(און קעגן נאַכט)
אַ ברוגז־טאַנץ.

דער מאָדערנער אשרי

איצט קומט די אשרי יושבי שעה
דורך אַרענאַ-טירן
און פֿאַרשמירט די ווענט מיט שאָטנס.
די נעגלדיקע גראָזן ליגן פֿאַרמאַטערט
פֿון די צו שווערע פֿיס
איבער זיי.

נאָר דער זייגער אין אייביקן געדריי
צייכנט ווידער אָן דעם חד-גדיא-קאַדריל:
מאָרגן, מיין קינד, איז ווידער אָנהויב,
דער קין-הבל שפּיל.
? ?
סלה.

טעלע־ראַדיאָ שירים

שיר השירים אשר אַ לעפּעלע ליבע.
פון צוויי ביז פיר
דער פּליסטער, דער ראַדיאָ־שיר
הילכט מסירת־נפשדיק
דורך דעם צעשויבטן שפּיגלדיקן גלאָז:

חלום מיינער, זיי מיט מיר.

ווי עמעצער האָט בכיוון דערפינדן
אַזאַ געפּרעפּלטן
אַשרי־שלונג,
וואָס צינדט אָן ווי אַ פונק
די מנחה־שעה
פון טרויער,
דעם אָמן פון ווילדן המון —
חלום מיינער, זיי מיט מיר.

נאָר דער בלינדער זינגער צעשטעכט
די שפּיגלדיקע נאָטע,
וואָס פאַלט אויסגעלאָשן
אונטער זיינע ברעמען:
חלום מיינער,
ווער וועמען, וועט איצט פאַרשעמען?

רעווערענד נעראָ צעטומלט דעם לאַנגוויל

רבותי !
מיר האָבן אַ באַזונדערן הימל
אויפגעפעדערט איבער אונדזער געלעגער.
ווען ער וועט אַ קלאַפּ טאָן
פון אויבן
אין אונדזערע שויבן
און באַפאַלן אונדז
דורך אַ ווייסער זאַווערוכע
צו די אָפענע טירן —
רבותי ! לאָמיר זיין גרייט און ציכטיק ווי דער שניי.
אינעם סקריפּענדיקן מאַרש וועט דער ווינט,
ווי אַ קאַמערטאָן,
אויפשפּילן אין אונדזערע אויערן
דעם שער־הרחמים־סוד.
גאָט, רבותי, אונדזער גאָט
וועט אין שפּיגלדיקן אייז, יום־טובדיק ווייס
אָנצינדן די שעה פון גערויש,
פון פיבער,
און דעם פרומען שטראָם, וואָס שלאָפט אין דער טיף —
רבותי ! דער שניי איז זיין פינגער, דער שניי איז
זיין ליכט.
הללויה.

ווינטער

אויף די ווייסע צווייגן פון ווינטער פליט דער ווינט.
דער אַלטיטשקער בייגט קלוג דעם קאָפּ
און צינדט אָן די ליכטער איבער די דעכער.
דער ערשטער שניי איז אַ סך קליגער,
ער לאָזט זיך ניט פאַרשלינגען.

דער שניי פאַרשלעפערט דעם וואַלד,
וואָס גלאַנצט מיט מעסערס.
די געזאַלצענע שטילקייט צעבלאָזט אינטימער
דעם קילן פייער,
וואָס לויערט סיי פון ווייַן,
סיי פון די ליכטער.

נאָר די נאַכט צויבערט. עס ווערט אַ חתונה.
אַלץ זילבערט.
דער אַלטיטשקער טאַנצט דער ציכטיקייט אַנטקעגן:
פני שבת נקבלה.

„A rose is a rose
is a rose"...

Gertrude Stein

אַמעריקאַנאַ II

לזכרון מאַטעס דייטשן ע״ה

ליד נומער איינס

אַ ברונעם, איז אַ ברונעם, איז אַ ברונעם.
כ׳האָב אין פּנים פון אַלטן קוואַל,
מיין אייגענעם געשטאַלט געפונען.
און שטיל, און קיל, ווי דאָס וואַסער אויף מיין גומען,
האָב איך אין דער שטראַלנדיקער טיפקייט
אי שׂכר, אי עונש פון בראשית —
וווּנדיק פאַרנומען.

ליד נומער צוויי

אַ ליד, איז אַ ליד, איז אַ ליד.
אַ פויגל, אַ ציטער, אַ קלאַוויש.
די זון האָט אויף ס׳ניי אָנגעצונדן
דעם דרויסן מיט געזאַנג.
מיר גריסן זיך, פויגל און פיש,
ווי אַלטע פריינד —
און דער ייד אין מיר — דער אינדיוויד,
דערזעט און פאַרנעמט דעם באַפרייטן וווּנדער
פון ליכט, כוואַליע און ווינט,
אין דעם שוואַרצן פינטל פון מיין טינט.

ליד נומער דריי

אַ דזשעט, איז אַ דזשעט, איז אַ דזשעט.
דאָס לשון פון פאַרצייטיקע ניסים מיט שד
דורך אומגעדולדיקע וואָלקנס — עט, עט דערגרייכן.
פאַרמאַך די הילצערנע לאָדנס,
וועסטו קענען בעסער פאַרשטיין
די בליציקע שנעלקייט פון די אַטאָמישע קנויטן,
די צעריסענע מיילן פון אַלע מאָטאָרן
אין שרייענדיקן צאָרן, אין וואַקלענדיקן דרימל:
אַז גאָט איז נאָך אַלץ העכער פון הימל.

ליד נומער פיר

אַ לבנה, איז אַ לבנה, איז אַ לבנה.
אַ צעבראָכענער טעלער פון גאָטס טיש,
וואָס שווימט בשלום,
איבער דעם ים און שפּייזט די פיש
מיט מאָרגנשאַפט, מיט צוזאָג, מיט ליכטיקייט
אַזוי ווי צו דיר,
און צו די העכסטע טרעפּ פון דיין חלום.

ליד נומער פינף

אַ קוש, איז אַ קוש, איז אַ קוש —
אַ פלאַטערל וואָס טאַנצט אַרום אונדזערע ליפּן
נאָענט ווי לעבן,
מיטן פולן צעגלי אין מויל,
אַנטקעגן דער רומאַטישער נאַכטיקייט
פון דיינע גלידער.
דערבאַרעמדיקער געגנוס
פון וווּנדער־פידלען, פון דו, דו און דו,
ס'קוועלט אָן די נאַכט פון אונדזער גלוסטונג
און פירט אונדז אויף שפּיצן פינגער
פאַרדרימלטע —
צו דער ליכטיקער עקידה.

ליד נומער זעקס

אַ טייכל, איז אַ טייכל, איז אַ טייכל.
ס'זוכט שוץ אין פאַלדן פון יעדן צווייגל,
ליגט פאַרטרויט אין די אָרעמס פון יונגן ברעג
איינגעהילט אין בלינדער גליקלעכקייט
פון — ענדלעך זיך געראַטעוועט.
דער ווינט, וואָס עפנט די טיר צום ברייטן ים,
איז וואַך און גרייט אויפצוכאַפּן יעדן חוש, יעדן שאָרך
פון וויגנדיקן טייכל,
וואָס וועט קיין מאָל נישט דערשווימען צום
רוישיקן אָקעאַן.

ליד נומער זיבן

אַ רעגן, איז אַ רעגן, איז אַ רעגן.
כסדר אַזוי, אומבאַפלעקט
אי אויף מיין שויב, אי אויף מיין טיר.
אַלץ וואַקסט, ווי דער בוים אין וואַלד, שכנדיק נאָענט,
איך אויך אַזוי.
דער אָנגעצונדענער עלנט פון זומער
זופט אַריין אין זיך די באַלויכטענע טראָפּנס
פון די ביימער,
באהבהדיק —
אונטער אַן אויסגערייפטן הימל.

ליד נומער אַכט

מיינע קינדער לאַכן, לאַכן, לאַכן.
ס׳הויז ווערט ליכטיק, אַפילו דאָס געוויין.
די טיפע יניקה פון צעשטראַלטן געלעכטער —
אַ־צו־קיינמאָל־ניט־צו־שפּעט.
שכנים טיילן זיך מיט מיין אייביקייט,
קינדער זינגען שירה
מיטן קול פון וויגלידער.
די מאַמע דריקט די וואַרעמע שיכלעך פון זייערע
נעכטנס און מאָרגנס
מיט אַרויפגעציילטע ברכות.
צווישן מיר און מיין חלום בליט איצט דאָס
קינדערשע לשון
מיט דער וואַרעמער ליבשאַפט —
פון אייביקן אָנהייב.

ליד נומער ניין

און זומער, איז זומער, איז זומער.
די ליבשאַפֿט איז אייביק, אייביק.
דער געהיימער גלימער
צווישן די גראָזגליכטער,
גלעט די ליכטיקע אָרעמס פֿון די ביימלעך,
וואָס רייסן זיך ווי ברכות
צו דעם זוניקן אָנצינדער, דעם פֿאַרבענקטן צובונד
פֿון פֿאָטערשאַפֿט —

לדורות.

ליד נומער צען

אַ ציפֿער, איז אַ ציפֿער, איז אַ ציפֿער,
באַפֿלעקט מיט וואָלקנס, מיט צוגעטראַכטע יאָרן.
קלענער ווערט איצט די ערד אין דיינע פֿאַרטאָגן.
אין אַלעמענס אויגן —
דער שטומער ציפֿער קען גאָרנישט יינגער ווערן.

נאָר אין דיין האַנט, דו אַלטער דיכטער,
אַ גלעזל געזאַנג פֿאַרשטויבט און פֿאַרווונדיקט,
אויף דעם אָנגעבריטן פֿעלדז פֿון ניט-לאַנג-צוריק,
דו, ווי תמיד מיט זונפֿאַרגאַנג אָרעם אין אָרעם —

לכך נוצרתי.

ליד נומער עלף

די שטאָט, איז אַ שטאָט, איז אַ שטאָט.
פאַרשיכורט פון אַ מאָסע פלייצליכט.
די אָנגעצונדענע, קאָלירפולע גלעקלעך
יאָגן זיך אַרויף און אַראָפּ
איבער דעכער,
איבער מויערן,
פלינק און העכער, נאַכט־אַיין, נאַכט־אויס,
אין מציאהדיקן געקלעטער.

דער פלאַטערדיקער ביינאַנד מאַנעווירט
חתן־כלהדיק אויף יעדער וואַנט,
מיט גאָלד באַפּוצטע טריט,
להכעיס דער באַשיידענער פאַרשט־מקיים פון אויג.
די נאַכט ליגט אויפגעראָלט אין פייער —
און העכער — זענען ניט בנימצא די ערלעכע שטערן.

ליד נומער צוועלף

אַ פרימאָרגן, איז אַ פרימאָרגן, איז אַ פרימאָרגן.
די נאַכט הינטער דיר — שוין אָפּגעשטאָרבן.
גרין, בלוי און ציכטיק די אייביקייט אַנטקעגן —
די זון דורך שטויב, ווי אַ רויז אין שויב.
דער הימל צעעפנט זיך,
ס׳ווערט אַלץ בליציק, ביז דער וואָלקן ווערט אַ זעגל,
די גאַס — אַ שיף,
אַזוי ווער איך, אַ גוירטרוד, דער אויסגעטרוימטער ריז
אין דער טיף —
פון מיין יידישן ים.

אַמעריקאַניש

זי, באָבע מאָזעס, איז אַ סך ייִנגער פֿון דעם זיידן מאָזעס.
אירע בילדער צינדן אָן אי הונגער, אי דעם סנה־ִיקן
פֿייער פֿון אַ מאָל.
נאָר דער זיידע מאָזעס, איינגעקריצט מיט דויער,
עלטערט זיך קעגן איר פֿלוצעמדיקן פֿלאַטער
אין דעם קליינעם שפּיגל פֿון דורכגעציטערטע פּייזאַזשן.

באָבע מאָזעס פֿאַרוויגט,
פֿאַרמאַך די אויגן, זיידע מאָזעס,
לעב אין דעם חלום, וואָס דו האָסט אַ מאָל געליבט
אויף דעם הייסן זאַמד צווישן פֿעלדזן־געשטייג.
דער באַרג בלויט איצט אין מיין בילד,
ווי דו, אין דעם עלטערוואַלד,
ווי דו, ווידער אַליין.

פֿלוצעם בילדלט אויף צווישן רויך און נאַכט
יציאת־מצרימדיק,
די לבנה — זיין טענצערין פֿון אַ מאָל,
און פֿאַרוויגלט באָבע מאָזעס און דעם דרימל ביים
טייך נילום —
פֿאַרפֿאַלן,
דער זיידע מאָזעס חלומט ווידער ייִנגליש פֿון
קיניגס טאָכטער.

BEACHCOMBER ABE

ער האָט ליב געהאַט זון און זאַמד
און זאַמד האָבן מיר אים מיטגעגעבן.
ער האָט דאָס זאַמד געטריי מיטגענומען
און די בלומען,
וואָס זענען מיטגעשטאָרבן אים צופוסנס.

אַלץ זאָגסטו פאַרגייט — ווער ווייסט ?
לויט זיין אויסזען וועט ער מאָרגן זיך אויפכאַפּן,
(ווי אַלע מאָל אין זיין דערפל)
און צום ברעג זיין יוגנט, ווי אַ ים־גאַסט
דערקייקלען דער פרישער מידקייט,
להכעיס אַלע קאַלענדאַרישע, ברענענדיקע שייטן.

נאָר איצט ליגט ער נעפּלדיק,
באַליכטלט, געאַנקערט צום שלאָף
אויף דעם ימיקן פלאַך.
אַ פּאָרט איז אים די רויִקייט,
די בלויקייט,
די שטילקייט אַפילו —
אַ פאַרפוצטער שאָטן
באַרירט פון אַלע ווינטן,
ווידער נאַקעט, שוכלאָז און פריי.

די ראָמאַנטישקייט פון סוזי קלון, די סאַרוועריקע

די פרינצעסין בלימלט זיך אין דער שקיעה־שעה.
אין אירע אויגן טרעפלט זיך די נאַכט נאָך נידעריקער,
ווי איר וואָכעדיקער טייסטערל.
דער פרימאָרגן דעקט זי צייטיק אָפּ,
די נאַכט פאַרשליסט זי אין בעכערלעך סם.

און יעדער ליבהאָבער ווייסט דעם סוד פון איר לייב,
ווי יעדער בעקער, די פרישקייט פון זיין ברויט.
די סוזי — פרינצעסין, ווי דער באַגין,
רירט מיך צום פרישטיק ציטערדיק אָן
און וואָרנט —
אַז צווישן פרילינג און פראָסט,
דרימלט אין אַ טעפּעלע קאַווע די צעפּליקטע שעה מיט
פאַראיאָרקייט.
איצטער איז זי ניט בכוח צו ווערן זיך
קעגן דער פאַרשימלטער לבנה, וואָס וויל זי נאָך אַלץ
פאַרנאַרן.

RETREAT

אין דער שפּילעוודיקער רשעות פון ווינטער
איז דער הירש אָנגעצונדן מיט שרעק.
דער וואַלד איז אָנגעלאָדן מיט פּראָסטיקע קנייטשן.
די ליכטיקייט איז פאַרוואַנדלט אין שניי.

דער פראָסט, דער געהיימער אָנצינדער,
צינדט אָן די זילבערנע קנויטן.
דער הימל הענגט יינגער און די ווייכקייט איז אומענדלעך,
איז פלעמלדיק,
איז צעבליט
מיט ווייסע אותיות אויף די נאַקעטע צווייגן.

אין אַזאַ נאַקעטער הייליקייט,
פאַלט די ווייסע אומשולד צו די פּיס,
אין אָט דער זויבערער נידעריקייט,
ווערט דער אַלטער שלאָף ליכטיקער, גרינגער,
אומגלויבלעך ציכטיקער.

אַ בריוול צו אַללען גינזבורג:

... גענען דיך ווידער אויף דיין טראָן
אויבן אָן אין צירקל פון חכמה-רום
אין בירשטוב און ווייַרעך
מזמורדיק צעפּלעמלט;
פּאַראַדיש,
שרייַיִק און באָרדפול צו דער ערד
געבויגן
מיט קראַנקע לידער,
מיט לאַנגווייליקער ליבשאַפט
אַ קוימען-הויכער הינדו — — — —
מיט קדיש-זאָגעריי.

כמה שוין אַזוי פיל מאָל
אַלע דיינע תפילות און רעקלאַמעס
באַרינגלט, באַקרעלט
אין אַ גאַרטל קלוגשאַפט.
אַ מכשף צי אַ מאָנאַך,
אפשר גאָר אַ פּרייטיקדיקער אורח
מיט שירים,
ווי די ווילדע פלאַנצן,
פאַרוויקלט אין טשאָלנט-רויך?

פֿאַסטעכל דו,
דער קאָסמאָס גריזשעט דיינע שאָף
און דו אַליין דורכגעזיפּט
מיט אָפּיום-רייד,
מיט דעם ריח פֿון מאַריוואַנאַ
אין דעם צעבלעטערטן נאַקעטן טאַנץ ;
מאַריוואַנאַ טאַנצט אויסטערליש
בלאָס
פֿון שמוציקן באַר צו ווייטע, ווייטע
מרחקים.
האָסט היינט ווידער אַ מאָל ווויליונגעריש
געשענדעט
נעמים קדיש
צווישן דיינע פֿארמשפּטע ליפּן.

אַלבאָם

פון מיין אייגנבלוט מאָל מיר אויס אַ משפחה

דער אייביקער אלף־בית

דער אלף־בית איז ניי, דער אלף־בית איז פריש,
נאָר דער רבי איז תהילימדיק אַלט.
ער קאָן שוין מער ניט פליִען ניט אונטן, ניט אויבן.
און עד־היום די געלע מויז, די זון,
ליגט פאַרקילט אויף זיינע שויבן.

דער רבי איז בייז. דער רבי איז ווייס.
ער פאַטשט הבלדיק דעם פאַרנאַכט אין מיינע אויגן.
מיין געוויין צאַפּלט זיך
פול מיט תרעומות
שטייגנדיק צו גאָט ווי אַ רעגן־בויגן.

דער חדר איז ענג. דער חדר איז תפיסהדיק.
די נקודות אין מיינע אויערן
אַ זינגענדיקער שייטער.
נאָר דער הימל רייצט ווי אַ בלויער סידור דעם „לכה דודי" —
און די שטערן, ווי אותיות, פלעכטן אי פליגל, אי לייטער.

בין מנחה למעריב

דער שניי,
אותיות אין מיין זכרון
אין מיינע אויגן
אין מיינע אויערן;
די וואַלדישע נאַקעטקייט
דערטרינקט זיך אין זיי.

די לאַנדשאַפט מיט כלהשאַפט באַדעקט.
און בוים און איך,
און איך און בוים,
יונגע גופים צוויי
אין קאַלטן אויסגעשריי:
לאָמיר פאַרטראַכטן אַ חתונה.
לעמער, לאָמיר טאַנצן.

אומגעריכט
אַלע לעמער נעמען טאַנצן
אין אַ שליחות אויפגעריכט,
ווי ס׳וואָלט דער ווינט,
דער צינדער,
פאַרכישופט זיי אין ליכט,
אין זויבערן ווונדער
פון ווינטער.

ס׳איז ער און איך
און איך און ער,
אויפן פאַרזיגלטן בויך פון טייך
בין מנחה למעריב
ביז איך הער דעם „והוא רחום״ —
די וואַרעמע רייד פון מיין זיידן.

אַזוי פלעגט מיין זיידע זינגען זמירות

אַזוי פלעגט מיין זיידע זינגען זמירות
צו אים ברוך הוא.
מיין זיידע רב יודל, דער יונגער, דער אַלטער,
מיט ליפּן און אויגן, מיט רחמים,
מיט פליגל־הענט,
מיט בליציקע ברכות,
באַגלייט מיט פּסוקים
אַנטקעגן די ליכט אויף זיין טיש,
מיין זיידע, דער יונגער, דער אַלטער.

די באַגלייטער,
ווי עס שטייט געשריבן, די מלאכי השרת,
די היטער פון זיינע יידישע שטערן.
זיין געזאַנג, ווי אין פיבער, דורך אַלע טירן,
פאַרטרווילעך, פאַרחלומט,
מיין זיידע רב יודל, דער יונגער, דער אַלטער,
אויסגעלייטערט ביזן דרימל:
אַ דאַנק דיר, האַר, פאַר דער פולער גאָב,
פאַרן רויטן וויין,
פאַר דער אויסדערוויילטער רו,
פאַרן הימל איבער מיין קאָפּ...
מיין זיידע, דער יונגער, דער אַלטער.

בואכם לשלום — — — —
דער קוואַליקער ניגון אַ באַפרייטער
ממש צעזילבערט אין ווונדער
פלאַטערט פון זיידנס באָרד
אַראָפּ
צום דרויסן פון שטערנרייד
ווי עמעצער וואַלט דורך די פאָרהענגלעך
מיט הייסן טיי־אַראָמאַט
די לאַטע־לבנה אויסגעצוואָגן
לכבוד שבת.
מיין זיידע, דער יונגער, דער אַלטער.

אַזוי פלעגט מיין זיידע זינגען זמירות
צו אים ברוך הוא.
מיין זיידע רב יודל, דער שוחט,
דער יונגער, דער אַלטער.

דעם זיידנס שריפט

מיין זיידע איבער מיר
איז ווידער וואַך געוואָרן.
ער רעדט צו מיר פון וואַנט אַראָפּ
און פאַנגט מיך ווי אַ מאָל
מיט זיין קלוגקייט:
„איך האָב דיך ניט פאַרלאָרן".

זיין נאַכטיקער פּנים איז ליכטיקער געוואָרן.
מיט איינגעשפּאַנטן דויער
לייענען מיר צוזאַמען די אויפגעזאַמלטע שריפט
פון אונדזערע צעזונגענע לידער.

זיינע ווערטער ווי פייגל מיט געמורמל פון אויבן.

אַלץ הילכט און וואַקסט מיט לויבן
ווען איך לייען אַרויס פון זיינע פרומע אויגן
מיינע יידישע דורות.

אָפּגעטראָגענע שיך

1

מיין טאַטע, דער מתמיד,
ווען ער האָט דערזען די מאַמען די שלאַנקע,
האָט אויפגעגעבן סמיכות.
די לאַנקע האָט מיטגעליבט,
מיטגעטאַנצט —

חתונה געהאַט!
געוואָרן אַ סנדלר.
שטיפעריש געשפּיגן די שטיפטלעך אין שוך אַריין.
ווי גוטן ווייַן דער מאַמעס שיינקייט
געטרונקען פון אירע אויגן.

די בושה!
דער זיידע, דער גאון — זאָל רוען —
האָט אַזאַ נסיון אָנגענומען שייטערדיק שטאָלץ.
בלויז די טרערן ווי אָנגעצונדענע שטערן
האָבן צאָרנדיק געבריט זיין שלאָף.

די באָבע, די צנועה, האָט געטאָן זאָגן:
אַז דער שׂטן מקטרג
איז קללהדיק שאַרף אין מאַמעס טריט.
גאָט באַהיט!
וואָס פון איר עילוי איז געוואָרן!

2

נאָר מיין טאַטע, דער עילוי, אַזוי ווערט דערציילט:
זמן נאָך זמן — ווי אַ מאַן — אָטעמדיק און גיריק
ארויסגעזונגען פון זיך קינדער זיבן.
— ניט פאַרטיליק מיך — אַ געזאַנג אַזאַ אין זיין חידה.
די מידה פון ליבשאַפט, זייט ווייסן,
איז מער׳ ווי תפילה, איז מער ווי טרערן.

אין ווינטערצייט אַראָפּציִען די גלאַנציקע שטיוול
פון די איידעלע פיס און אָנבינדן די הילצערנע גליטשערס
אַזוי אַ נאָך — בגנבה קעגן ווינט,
ווי אַ קינד אין קעניגרייך פון שניי, פון פראָסט
און ווייסע פלאַמען,
אויסקריצן זיין זעל על פני המים.

נאָר דער בייזער, שאַרפער ווינט
האָט אים פאַרטריבן העט איבער אַטלאַנטיק.
און די זון, זיין פלאַמיקער האַמער,
דורך גאָרנדיקע שויבן הילכט גאָרניט פמליהדיק.
די פרעמדקייט איז שטיינערדיק אָן פייגל־רייד,
אָן זומער־שפּראַך, די בענקשאַפט שומרדיק שטום.

3

און ביי נאַכט, די לבנה ווי אַ בלינדע כלה
דורך שטערנשיפּלעך אויף זיין קליין געלעגער.
דער שטן ווי אַ יעגער, האָט געצילט אין חלום.
נאָר מיין טאַטע, אַזוי איז באַקאַנט —
איז קראַנק געוואָרן ווי דער זומער ערב־האַרבסט.

דער האַרבסט אין זיין שויב, ווי אַן אַנגעצונדענע עקידה.
דער עילוי האָט געבענטשט די פרעמדע שעה
פאַרן שטאַרבן און געקלעטערט העכער ווי די פאַרבן,
ווי ס׳וואָלטן ווינטן הייסע געפלאָכטן פלאַמיקע לייטערס
צו איר שפּיגל: און אין שפּיגל דער מאַמעס פאַר שיך
אַן שירה — נאָר ווי צוויי טויבן אין זיינע אויגן.

קדישדיק הויך

געווען איז מיין טאַטע
אַ שטילער ייד,
אַן איינזאַמער,
תמיד אַ פאַרטראַכטער,
אַ באַפרייטער פון אַ סך זינד,
אָבער מיד פון אוראַלטע ניסים.

אַ פאַרליבטער אין דער מאַמען
אין אירע ערלעכע פלאַמען
ווי פון צעעפנטע בלומען,
אין מאַי־געוועב.
די רויזן אירע
ווי אָנגעצונדענע לאָמפּן
אין זייער גאָרטן.
דאָרטן, צווישן די קוסטן,
פלעגט ער שיר־השירימדיק זיך צעזינגען
אי פאַר גאָט, אי פאַר דער מאַמען.

אין דעם אומגעצאַמטן זומערזום־יצירה,
אַ געפאַנגענער און אַ פאַרגאַפטער
צווישן די גראָזן,ביימער און צווייגן,
ווי אַ יינגל
גרייט צום קלעטער
מיט געלעכטער ביז צום הימל:
אי צו גאָט,
אי צו דער מאַמען.

כ׳האָב אים קיין מאָל אויפן קול געפרעגט:
צי בין איך אין זיין אינטימען קעמערל
די צעבליטע טרער זיינע
אַזש פון בראשית —
דאָס פייערל, וואָס צינדט זיין ליד
אי צו גאָט,
איז צו דער מאַמען.

איצט
אין זיין יאָרצייט-דרימל
פלעמלט ריחדיק און טרויעריק
די חלבדיקע הייליקייט
קדישדיק הויך
מעת-לעתנדיקע פלאַמען:
אי צו גאָט,
אי צו דער מאַמען.

די קליינע שיך

די מאַמע פלעגט מיט אַ בערשטל אויף גיך, גיך,
אָפּפּוצן מיינע קליינע שיך.
אויף מיינע יונגע שיכלעך פלעגט
אַראָפּשיינען דער יום־טוב —
דאָס ליכטיקייט פון איר פּנים.

מיר האָט זיך געגלוסט לויפן, לויפן
אין דער אָפענער וועלט אַריין.
כ׳בין אַזוי אַ נאָך
אַרויסגעלאָפן אין דער וועלט אַריין
דערדאַוונען מיין חלק
בציבור.

דער דרויסנדיקער ווינט האָט מיך געפּאַנגען
פאַרגאַרטלט מיין דערוואָקסנקייט
מיט אַלע וועלטן
און פאַרשטויבט
אויף מיינע שיך
דעם גלאַנץ פון יום־טוב.

אַ גרויסע וועלט פאַר מיינע קליינע שיך —
און מיר
איז ענג אין איר.

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן בליִען ניט קיין בלומען,
נייערט ביינער
און שטיינער
און ווילדע גראָזן.

טאַטע־מאַמע ווי אַ מאָל,
אַ מאָל הינטערן וואַלד,
האָבן זיך ווידער געפונען,
זיך גענומען.
די פייכטע ערד איבער זיי —
אַ נאַכטיקע חופּה.

אין מיין גאָרטן ס׳מינדסטע גרעזל
וואַקסט קדישדיק קליין,
צעקנייטשט, פאַרוויינט
און מאָגערדיק גרין.

דער זומער, ווי תמיד, שטופּט זיך
דורך די שטאַכעטן אַריין
משפּחהדיק מיט וואַרעמע רייד,
מיט פרישע קנייטשן.
די מאַמע בליט גרין ;
און דער טאַטע צווישן דעם צווייגנגעפלעכט,
ווי דער בוים מיט אַ ווינטיקן קוש,
מיט אַ ניט־היגער מורמלעניש.

זיי וואַקסן ביידע אין מה־ראַשיקע קאַלירן
דורך יעדן באַפלאַנצטן שטיין
צו דער חופּה געשפּאַנט, נעבנאַן.
ער בוקט זיך, פאַר איר, מעשׂה קאַוואַליער,
מיט יונגע בלעטער.

און די מאַמע — רבונו דעלמא —
די ליכטיקע בלום פון זעקס מיליאַן.

צעריסענע שמועסן

מיין אָרעם ברודער איז רייך,
מיין קראַנקע שוועסטער איז שטאַרק,
איך, דער געצערטלטער דור.

ס'וועט תמיד, דער טאַטע, יאָר צו יאָר
קושן דעם דרימל פון אַלטן הימל
און פרירן —

אַזוי טוט דער טויט פאַרפירן:
וואָס וועט זיין, טאַטע, מיטן טלית און תפילין?
די נאַכט איז דראָענדיק, איינגעשפאַרט.

אַט וועט זיך מיט הייסן געוויין
מיין אָרעם ברודער זיך לעשן אין וואָרט:
אַ בית-עולם, טאַטע, איז אַ בית-עולם אומעטום,
מיט פייגל, מיט צוויט,
מיט יאָמער-געברום —

אַזוי רעדט דער טויט שטום:
וואָס וועט זיין, טאַטע, מיטן זיידנס תהילימל?
די נאַכט רינט פון טאַטנס געזיכט.

מיין מלבושלאָזער פעטער

א

אין דעם געמיש פון בלעטער
איבער מיילן ווייטע
איז דער ווינטער געקומען
און אויסגעלאָשן אַלע בלומען.

דער מלבושלאָזער פעטער מיינער,
שליח־ציבורדיק קעגן גזר פון פאַרגיין,
ווײנט אַרום דורך דער פינצטערניש
אין דעם אומבאַוואַלדיקטן דרויסן.

זיין פרום דורכגעשאָסן אויג
רוט ריין
ווי דער בלינדער שבת פון
אויסגעלאָשענע פאַרבן.

ב

די אומבאַרירלעכע לופט
רופט
מיך איבער טונקעלע קאָנטינענטן.
ס'פלעגן סעדער בליִען אין זיין באָרד.
די פינגער, וואָס האָבן זומערדיקע שורות
צו מיר געשריבן
זײנען אַצינדערט אונטערן הימלישן לאַנגווייל
דאָס פינקלדיקע ליכט
אין דעם שניים כולו שטילקייט.

מיין פעטער ליגט אָן שיך
אין פּראָסטיקן היכל
מיט ריח פון ווינטער
אין דרויסיקן טרויער.
דער ווינט מיט די אימהדיקסטע וויכוחים
פּרובירט די פאַרפרוירענע ביימער דערוועקן,
נאָר ס׳שלאָפט דעם אייביקן שלאָף מיין פעטער —
דער הייליקער שומר פון יידישן וועלדל.

ג

מיילן פולסירן דורך די אָדערן.
אָט בין איך דאָ, פעטער,
אַהערגעקומען צו הערן דיין שווייגן.
בין געקומען דורך אָפּגעסמאַליעטע צווייגן
מיט אַ פאַרקירצט סידורל...

אויב דו ווילסט, שטרענגער דו,
האָב איך מיינע אייגענע יידישע תפילות געבראַכט.
איך,
דער נאָך אַלץ יונגער פּאָעט
לייג דיר צוקאָפּנס מיינע לידער
אַפילו אין אַ פרעמדער שפּראַך געהייליקט.

די פאַרדאַוונטע ווייטקייט
פון דיין געטובלטן פּנים
איז כלו רו.
איך האַלדז דיך אין אַ שניי פון שירה,
הייליקער דו.

אין זומערדיקן גרינען

דער זומער איז געקומען מיט אמונה, מיט בלומען,
מיט געטלעכע בראשיתדיקע בריוו אויף די ערשטע צעבליטעביימער,
מיט פֿאַלירטע שטערן און אויפֿגעוואַכטע אויגן —
כּי טוב.

דער צעוויגטער טייך דערוואַכט מיט שטיפֿנדיקע שטראַלן,
שיכּרותדיק איבער די הייסע זאַמדן —
אַ צעצאַפּלטער ווּנדער צווישן די פּיספּינגער.

ס'איז זון און זאַמד און דרויסן
מיט כוואַליעס אַ פֿול מויל.
יעדער שטיין — אַ יונגער קאָפּ
געזאַלבט אין רעגן.
כ'הער די ריינע טריט דיינע
אוז דערקען דיך ווידער
אין זומערדיקן גרינען.

דער דרויסן איז אויפֿגעמאַכט, צעעפֿנט,
ווי פֿון אַ וואָלקענעם שטייג באַפֿרייט.
כ'ליג מחשבֿותדיק אין טיפֿע גראָזן
ווי אָדם באַהערשט פֿון בלומען און עפּל
ביז צום רויטן ווייַן פֿון אויסגעצערטלטע רויזן.
זיי מיר מוחל, גאָט,
פֿאַר די ערדישע פֿאַרלאַנגען
אין דער זומערדיקער תּפֿילה פֿון גרינען.

מוטערשאַפט

פרישער ברויט און צעזילבערטער זאַלץ,
דאָס איז נים אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן.
דער געזאַלבטער בכור אין וויגל
וואַקסט וואָרהאַפטיק און עפּלדיק אין די פאַרטאָגן,
ווען די זון זון פּאָטערט דורך די צעדער אין די שויבן.

כאָטש נעם די אויפּסניי-צעגרינטע בלעטלעך
פון יעדן בוים ווי טויזנט שירים
און האַלדז זיי ווי פליגל.
די לבנה ווי אַ קריגל
גיסט אין מויל אַריין דעם זומערדיקן דעליריום.
אַלץ בליט,
ווי ס'וואָלט דאָ קיין מאָל קיין ווינטער ניט געווען.

קינדער מיינע

קינדער מיינע — כ׳האָב לאַנג געבענקט נאָך אייך,
ווי אין מיינע יתום־טעג נאָך אַ מנין, נאָך אַן עדה,
ווי אין געפּאַנגענשאַפט געזוכט אייך מיט טויזנט אויגן,
געזאַמלט און אויפגעהיט אייער שפּילצייג —
ניט געוואָלט קומען מיט ליידיקע הענט אין אייער
פאַרבאָרגנקייט.
כ׳האָב געחלומט פון אייער פריידיקייט,
פון דער לעבעדיקער שטילקייט, און פון דעם איבערבייט
פון שעהען:
כ׳האָב באַהאַלטן אַפילו מיין ביסל יאָרן — ביז איר זענט
געקומען.
וואַקס איך איצט, ווי דער בוים ביים פענצטער
אויף ס׳ניי אין באַנייטער פּאַטערשאַפט
מיט אייך, קינדער מיינע —
אין גרוים עשירות, מיט אייביקייט.

דיין געבוירן־טאָג, ישעיהלע

די שטוב איז גרוים און אויסגעפּוצט.
דו ווערסט בוימערדיק העכער מיט פיר זומערן.
כ׳פיל זיך שלווהדיק אין דיין קאַלירפולן חדרל.
(די זון, אַ צעוואַרעמט אויערל, הערט זיך צו צו דיין געזאַנג)

ווייל איז מיר צו וואַרעמען זיך ביים פלאַם
פון דיינע זוניקע יאָרן.
ביסט איצט אַלץ מקרב דורך יונגע קלאַנגען:
אי בלום, אי דאָרן,
אי פליג, אי לייב.

ס׳ווערט ליכטיק פון דיין נאָענטן צעבלי.
דורך די אויספּאַפּירטע ווענט, —
דער צעשמייכלטער דרויסן שפּאַרט זיך, ווי אַ קרוב,
ער טראַכט:
צי זאָל ער איצט אָראָפּשיקן דעם פּלאַפּלדיקן רעגן,
צי זאָל ער העלפן באַגלייטן מיט פולער מאָס
מיינע שמחהדיקע טרערן?

איז מיר ליב דיין יידישלעכער זמרל, וואָס וויגט זיך זאַרגלאָז
איבער אונדזערע געבענטשטע טישן,
באַלאָדן מיט טאָרט, מיט ווייַן, מיט תפילה און מיט ברכה.

פרייד דו מיינע, פריידעלע

טעכטערל מיינס, לאָז זיך ניט פאַרפירן
פון סטאַדעס שטערן, ווען דו שפּאַנסט אַליין.
פאַרמעסט זיך ניט קעגן די רעגן־טראָפּנס,
וואָס פאַלן אַראָפּ אָן מורא
דורך דיין אָפּענעם פענצטער פון שלאָפצימערל.
(גאָט באַשיצט די יידישע קינדערלעך),
ווי איך, זיינע הייליקע אותיות אין מיין סידור.

כ׳קען אינטים דיינע צאַפּלדיקע ווערטער,
כ׳שטרעק אוים מיינע הענט און איך פאַנג זיי,
ווי אַ געניטער פישער, אין מויל אַריין.
די יונגע, פרישע ביימעלעך, ווי צוגעפּאַסטע שירעמס
איבער דיר, ס׳איז דורכוים זומערדיק.

די זון איז היים — מיין פרייד איז ליכטיק.
איך צי זיך אוים אויף דעם גרינעם גראָז
און בלייב ליגן אין אַ טייכל געלעכטער
צווישן דיינע קוואַליקע, פייכטע ליפּן.

דורך אַזוי פיל פאַרעלטערטע וואָכן

אסתרן

1

אַלעביימער בליִען,
דו אויך.
אַלץ רירט זיך פון אָרט,
דו אויך.

די זון אין דיין אויג,
ווי דו אין מיין שוים —
צעבליט, צעצונדן,
דו אויך.

אַלערליי רמזים
צעשפּיגלט אין דיין פּנים,
אין דיינע שפּורן,
ווי אין גאָרטן די בלומען.

בלי ווי פרילינג געטריי און מיט געזאַנג
דו, זעלטן טעכטערל,
אין דער וועלטענער איינזאַמקייט.

2

כ׳דערקען מיין אייגענע נעסט אין דיין קינדערשן שמייכל,
און יונג איז אונדזער שוועל צוליב דיר.
ביסט מיידל — פריש און אייביק,
ווי אייביק ס׳איז מיין ליבשאַפט צו דיר.

ס׳איז פאַראַן אין דעם גרינעם גראָז אַזאַ שטילקייט,
וואָס בלייבט געטריי און איינגעקריצט אין זכרון,
דיין בליק איז פול מיט שפיל, ווי דער יונגער זומער
דורך אַזוי פיל פאַרעלטערטע וואָכן.

די ערד קוועלט מיט פרישן טוי,
און איך קוועל אָן פון דיין דופטיקער נאָענטקייט.
די נאַכט, ווי תמיד, באַפליגלט דיינע ברעמען מיט חלום
און איך שטעל צו דיינע פיסלעך דעם הימלס לייטער.

איך לייג מיין זון שלאָפן

ווייסטו וואָס?
אַזוי ווי איך דאַרף דיך פאַרוויגן צום שלאָפן,
טאָ לאָמיך דיר דערציילן אַ מעשׂה,
וואָס האָט
אַן אָנהייב און אַ סוף.

אַ מאָל, אַ מאָל צוריק
האָט מיין טאַטע מיר געקויפט אַ ווייסע ציג.
אַ ציגעלע אַ ווייס, מיט אַ ציטעריקער הויט
און אָנגעבונדן צו מיין וועגעלע־בויד —
ס'איז ניט געווען צו מיר קיין גלייכן.

דורך וועלדער, שליאַכן, אַריבער טייכן,
דאָס גאַנצע דאָרף, איינער נאָכן צווייטן,
פון קצבֿים שטעקן ביז דעם שוחטס חלף:
אַזש פון חדר־באַנק, פון שוואַרצן אַלף,
האָבן ווי שטענדיקע באַגלייטער כמעט פאַרהייליקט
די זעלטענע שטילקייט פון איר בערדל,
דעם זילבער בליץ פון איר ווייסקייט.

שפּעטער, מיט מיין יינגלשאַפט אין דער פרעמד —
איז כדאַי דיר צו דערציילן ווי מילד און געטריי
זי פלעגט ליגן ביי מיינע פיס שעהען לאַנג
און בלויאויגיק פאַרנומען מיין לערנעריי.

אַלץ איז געווען צייטיק און אַלערלייִיק ווי פּירות
אין אויפגעבליטן גאָרטן.
פּלוצעם, די ציג אויף מיין בעט
שטיל און שטילער מיט רחמים און באַדויער —
איר מידער שלאָף דערשרעקט און פאַרוויקלט מיין באַגין.
דאָס דאָרף ווי דורך אַ שפּיגל אין איר אויג:
מיין זיידנס שטעקן, מיין מאַמעס רו, מיין ווענעלע־בויד.

מיין זון, דרימל איצט און דרימל אין רו.
די נאַכט איז אַ שווערע טיר.
הער איך זיך איין, ווי שטערן זינגען דורך די שויבן
אַ נייעם שיר פאַר דיר.
און אויפן וואַנט, וווּנדער שבוווּנדער: אין אַ ראָם
הענגט מיין געטרייע ציג
און היט אויף דיין וויג.

וויסן זאָלסטו: גאָט באַשאַפט אויף יעטוועדן בוים
טויזנטער און טויזנטער בעכערס צו טרינקען פון זיי
אי רעגן, אי זון, די ליבשאַפט פון צווי.
און אַלע סודות באַחלומט, צעפּנימט ער פון ליבשאַפט וועגן:
מיך — מיט ווינקענדיקע שטערן,
דיך — מיט ווערן.

דער ספר און מיין קינד

מיין זון מישט און מישט די בלעטלעך פון מיינע ביכער.
ער האָט ליב די ספרים, ווי איך — דעם וואַלד דעם הויכן.
ער מישט די בלעטלעך פון מיינע אָבות,
ביז ער ווערט בייז — ער קען זיי נישט דערגרייכן.

ער שלעפּט זיי צו זיך וואָס נענטער, ווי איך — מיין זיכרון.
די אייגעלעך פינקלען ווי אותיות חידושדיק-פרום.
כ׳בין זיך מודה און מתוודה —
פון יעדן ספר לויכט אַרויס די אַל-ליכטיקייט אַרום.

ס׳ליכטיקט אויף די בענקעניש מיט טויזנט אויגן.
ער לאָזט זיך שטיל אַראָפּ און גלעט די געדרוקטע שורות.
ער ראַנגלט זיך פאַרעקשנט דעם שלאָף אַנטקעגן
ווי זיינע עלטער-זיידעס, די לעגענדאַרן פון גבורות.

ער שווימט דורך טיש און בענק און פאַלט ווי אַן אלף
אין זיין בעטל — אַ צעוואָרעמטער סוד.
צו מאָרגנס גייט אויף די זון, ווי מיין יידישער שיר, אין זיין אויג,
וואָס וועקט מיט דעם אייביקן ניגון אי׳ הימל, אי גאָט.

איצט איז די סכנה, קינד

מיין קינד האָט אומשולדיק מיינס אַ יידיש ליד צעריסן
און יעדע שורה,
ווי אַ גלות־קינד פון מיין הויז פאַרטריבן.
איך האָב אים ניט געשמיסן.
נייערט ווי אַ יעגער, נאָך פליִענדיקע טענער נאָכגעלאָפן,
געצילעוועט קעגן דרויסן,
דעם צעריסענעם קלאַנג מיינעם צו פאַנגען.

איך האָב פון דער ערד די צעריסענע שורות אויפגעהויבן
און אויף די ליפּן פון מיין זונדעלע,
אַ גאַנצן גילגול קלאַנגען אַריינגעקושט
און געלאָזט זיך צום שרייבטיש
בזה הלשון:
ס'טרויערט איצט אויף מיר מיין קינדס וווּנד,
ווּנדיקער פון טרויער.
געטרויט מיך, לידער מיינע, ווי איך געטרוי דעם יידישן
דויער.
ער איז מיין קלאָרסטער קלאַנג, ער איז גאַנץ אין זיין
ריטמישן געוויין.
כ'האָב אין זיין מתן טרער אויף ס'ניי
די יידישע ריינקייט אין מיין בענקשאַפט געפאַנגען.

דער בלײַענדער פּרעמדער

אין זיידנס גאָרטן זיינען געוואַקסן בלומען.
דער פרילינג פלעגט קומען פינקטלעך
מיט גרינער ריינקייט.
דער טייך פלעגט זיך צוואָגן ביי די ברעגן.

האָב איך געטריי די בלומען מיין ליבסטער געשאָנקען,
דעם פרילינג פאַר מיינע קינדער אויסגעמאָלן —
זיי זאָלן,
דעם וואָס לעבט אייביק, פון אָנהייב געדענקען.

דעם ווינט פון קלאַנג און פליגל,
מיין שיפל פון די סאַמע טיפן געשאָנקען.
איצט בין איך דער טשיקאַווער וואונדער
אויף די ברעגן פון לייק מישיגען —

דער איינגעזאַמלטער פון אַלע לענדער, דער בלײַענדער
פּרעמדער.

פליענדיקע אַנטילאָפּן

אַקעגן דעם טויט וועל איך אָנצינדן
די זון און די לבנה —
מיינע תפילין.

צו אַ נאָענטן דיכטער־חבר

משה שטיינגאַרטן

והיה, אַזוי וועט זיין, און אַזוי איז געווען.
באַרויִק זיך, דיכטער, חבר,
די אַלטקייט, סוף כל סוף, מוז שלאָפן.
ס'איז אַלץ אַ בייזער חלום אין דעם שמאָלן שלום.
און מיר, די גאָלדענע בינען
אין דעם אחרית־ימים.

אצינד פּאָרט זיך שטילקייט מיט טרויער צוזאַמען.
אַפילו דער בלאָנדער שׂר איז איצט ווייסער.
ווער וועט איצט אונדזער חלום מעסטן,
ווי אויך דיין ליד דעם אומווילדן?
והיה, אַזוי וועט זיין —
און אַזוי איז געווען.

אין דיין הויכער בליציקער און ליאַרעמדיקער שטאָט,
ווער האָט פּלוצעם די שטילקייט אַזוי טיף פאַרזייט?
אין די קילע אָוונטן פון זייער שפּעטן זומער,
זיי דרימלען צופוסנס —
ווי אומשולדיקע קינדער.

וועק זיי ווידער אויף, דיכטער, חבר —
כ'וויל מיין וואַרעם האַרץ זיי שענקען.

פֿאַוואָריט

מלכה טוזמאַן

אין געדיכטן וואַלד פֿון דיינע האָר,
צינדן זיך די שטערן אָן.
און לויכטן אויף אין מיר
די פֿאַרבאָרגענע מחשבה
פֿון אייביקייט.

ווי תּמיד בין איך פֿאַרשיכורט
פֿון דעם זייבערן אלף־בית,
וואָס צעבליט זיך יונג צווישן דיינע פֿינגער
באַשפּיגלט מיט סימבאָלן פֿון היינטיקייט.

„מילד מיין ווילד״ —
אין דיינע זילבערדיקע האָר איז
דער לאָמפּ פֿון אַלאַדין צעלויכטן,
מיר זאָלן דערזען דורך דיין ליד
דעם הימלישן פּלי פֿון דיין אויפֿבלי.

ווי זאַט און רייך ס׳איז דיין כּתבֿ־יד פֿאַרזייט —
„מילד מיין ווילד״,
ווער ניט אולטראַ דין אין אונדזער יידישן גאָרטן.

אַ פאַרלעזונג אין ניו־יאָרק

נאָך דעם גרויסן מבול איז אַלץ לויטער געוואָרן.
די לידער זיינען אויפגעגאַנגען
מיט כל־המינים פאַרבן.
כ'וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די שטים,
און די קלאָרקייט פון שניי
אין דער דרויסנדיקער ליכטיקייט.
אומזיסט האָט די נאַכט געשליטלט זיך אין די שויבן.
מיט שטערן־ברילן אויף די אויגן,
ווי אַ פאַרכישופטער אורח, האָב איך זיך געלאָזט אין זאַל
אַריין
צו זינגען ליבע און שירה,
צום טיפן וווּנדער פון אונדזער וואָרט.

היימיש און פּאַרכטיק איז די זיפּצלדיקע שטילקייט געווען.
אין עטער פון הימלבלויקייט,
האָט אַפּלאָדירט מיין ברעקעלע סטאַזש —
מיין אומשטערבלעכקייט.
מיין ווידערקול איז געפלויגן פון הערלעכע ווייטקייטן
צוריק צו מיר, ווי אַ לייבלעכע שוועסטער.
נאָר איך, פול מיט פליסטער, מילד,
האָב מיין אייגענע רעטעניש יונגווילד,
אַזש צום צענטן דור פאַרטריבן.

לאָמיר ניט פאַרגעסן דעם אונטערשטראָם פון ים,
וואָס ברומט שטענדיק מיט שבחים־כאָרן
קעגן די אייביקע פעלדזן־געזיכטער.
שטיי איך איצט פנים אל פנים מיט מיינע אייביקע ריכטער,
ווי ס'וואָלט דער שטרענגער שׂר פון ליד
היים און האַסטיק מיין אייגענעם אורטייל אויף אייביק
פאַרשריבן.

יובילײ־שגעון

הונגעריקע אורחים ביי געדעקטע טישן,
איינגענאַכטיקטע צום לעבל לויב,
וואָס עלטערט זיך אָן ווידערשטאַנד אין אונדזער מויל —
קוים צו פאַרזוכן.

דאָס מאָגערע פענעצל כבוד ליגט צוגעשמידט צום גומען,
איינגערעמט אין עלנט און אויסגעצערט
פון לאַנגיאָריקן הונגער —
קוים צו דערהערן.

די אַלטע ברכה שמייכלט און דער שלאָף ווערט עלטער
פון דעם גוט־געצילטן לאַנגוויל
צווישן דרימל און איינזאַמקייט,
ווי אַ צוגאָב, וואַכט אויף דער יובילײ־שגעון.

אַלץ ווערט ניסים ונפלאות אין דעם אייביקן וווּנדערמאַרש.
און מיינט ניט, אַז דער זייגער שווייגט —
ער בענטשט מזומן
אויף דעם נאַכטיקן בית־עלמין —
קוים צו דערקלערן.

הינטער דעם רעדנערס וואַנט,
די נאַכט פאַלט פלוצעם אונטערטעניק.
ס׳ווערט שפעטלעך, קאַלט און פאַרדעכטיק —
קוים צו פאַרטייטשן.

אָבער דער זקן ווערט גאַרניט יינגער
פון די צעפלעמלטע צינגער, וואָס פאַרשפּרעכן אים
ווידערגעבורט.
צווישן שטערן־שטילקייט און ווייסער פאַרעלטערטקייט
ליגט איצט זיין ליד
אין דעם ניט אויפגעעפנטן בוך
ווי אונדזער פאַרדאגהטע באַשיידנקייט —
קוים צו דערקענען.

מיין שטאָט

מיין שטאָט איז גאַנץ, אָן באָמבעס, אָן טאַנקישע פייערן.
בלויז אָקטאָבער־פלאַמען אין אומפאַרמיידלעכן אַלאַרם.

איך וועל זיך אָנהענגען ווי אַ רגע
איבער פלאַמיקע וועלדער
און אויסטרינקען ווי אַ רויבער
דעם זומער פון אַלע ביימער.

מיין שטאָט איז שיין — אַ קאַרניוואַל פון קאָלירן.
בלויז די ביימער־וואָרצלען אין אומפאַרמיידלעכן משפּט.

איך וועל זיך אויסטאָן ווי דער אָקטאָבער
אין יעדן פענצטער זיך זען אַליין.
ווי דער ווינט זיך לייגן קאַלט
איבער די פאַרשנייטע ברעמען.

מיין שטאָט איז יונג און וויל הערשן גראַנדיק.
בלויז די ביימערשע גופן געפעסטיקט און רונדראַנדיק.

דער טייך איינגעוויקלט אין אַ ווייסער פעל
זופט די שטילקייט פון פאַלדיקן שריפט.
איך ווייס ניט צי זאָל איך ווערן איצט קלערער
אויף מיין גאַס וואָס ליגט פאַרשריבן מיט שניי.

אַזוי פאַרגייט אַ ברודער־דיכטער

לזכרון א. לעיעלעסן

ער האָט פאַרקוקט אויף אַלע שטערן
און געמיינט, ער זעט ווייטער.
ער האָט געזופּט דעם ווינט פאַר זיך אין גאַנצן
און געשלונגען דעם קלוגן שמייכל
פון דער בלאָנדער לבנה.

נאָר די נאַכט מיט אַ קורצזיכטיק אויג,
האָט אים געפאַנגען
און אויף אייביק אים פאַרשלאָסן
אין אירע וועלדער —
אייביקער פון אַלע אייביקייטן איז איצט זיין געלעגער.

נאָר די, וואָס גייען אַריין אין די וועלדער,
קענען דערזען,
ווי די שטערנבלימעלעך צעפינקלען זיך
אויף זיין געלעגער.

און די לבנה, ווי פון אַ זיפּ,
צעשיט דעם פרישן זילבער איבער אים,
און בלייבט ליגן
אין אומגעריכטן שווייגן.

אין שוואַרצער ראַם פון אייביקייט

דעם אָנדענק פון חיים פּאָמעראַנץ

א

פון סאַמע אָנהייב פּרי
איז דער שניי
געפאַלן
און מיט צעפליקטע פליגל
געבליבן ליגן
צופוסנס
פון בית-עלמין.

אויף פּראָסטיקע שויבן
פלאַמט אויף
דער ערשטער פּחד
מיט ציטאַטע —
טויט,
ווי ער, ווי זי, ווי מיין טאַטע.

די שטילקייט יאָגט אָן
דעם לעצטן קלער:
נישט דערדאַוונט דעם לעצטן פּסוק —
און דער פרישער טאָג
איז גיך שפּעט געוואָרן.
ס'ווילט זיך שלאָפן, שלאָפן
און נישט דערטראַכטן.

ס'האָבן ציטערדיקע קנויטן
אין אויסגעלאָשענע אויגן
פאַרטריפט
דאָס הייליקע אָרט,
דאָס ווייסע.

ב

דעם קאַלטן ווינט,
דעם פרישן ווײ,
די אַלטע וווּנד,
אַ צוזאַמענבונר —
האַלט געפאַנגען.
די לאַפּעטע איז צאָרנדיק שאַרף,
זי שנײדט אַראָפּ
דאָס ליכט פון קלאָרן
שנײ.

נאָר דער שנײ — װײסער צװיט
פאַלט פאַרשעמט
פון ארון.
עס דאַכט זיך:
ער ליגט פאַרפלאָנצט
אין דער שוואַרצער ראַם פון אײביקײט.

ג

דאָס פעלד איז ווייס און צעבליט
אין דעם פרומען ווינטערצוויט.
און צייט איז מער ווי טרער,
און טרער איז מער ווי געהער —
די קברים ווייסן דעם באַטייט.

און פלוצעם —
לעשט זיך אוים דער טאָג.
דער לעצטער אויסגעשריי
פאַרגייט.
די נאַכט קומט אָן
צעהענגט
אויף די דאַרע צווייגן
אַלע יסורים פון זיין שווייגן.

און אומגעריכט
צינדן אַלע שנייִקע ביימער אָן
די פרומע ליכט.

שיקאַגע, 1963

אַ פּאַרשפּעקטיקטער בריוו צו יעקב גלאַטשטיין *

אַ ל ף

חלום,
חלום.
דו יונגער דויער פון מיין טרויער.
ווי גאַנץ איינגעקלעמט ביסט אין מיר פאַרבליבן.
ס׳איז פשוט אַ בזיון
צו באַקרוינען די עלטערשאַפט
אין אַ רעמל פון יאָרן.
זאָל זיין געזילבט דיין פּאַטעישער נאָמען
אין צעפליגלטן ליד,
אין געצוימטן סאָנעט,
און אין אולטראַ-פּלאַנעט פון מיין יידישן שגעון.

* די דאָזיקע סעריע לידער מיינע האָב איך געפונען אין מאַטעס דייטשס פּריוואַטן אַרכיוו. איבערגעשריבן אין דעם איצטיקן נוסח — דעם 1טן יאַנואַר 1967.

ש. ש.

בית

לויטער, לויטער איז געווען די יונגע צייט,
ווען דו ביסט געקומען
מיט בטחונדיקע שורות
דער האַלבנאַכט אַנטקעגן.
ווי די זון מיט באַזונדער וואַרעמקייט,
מודה אני'ש,
אַריינגעקראָמעט אין די פּריש אויסגעשניצטע שופרות
די אַל־שאַליקע קלוגשאַפטן
פון הימלישן אומפּאַרביי —
דענצמאָל,
ווען יידיש — קנויטלאָז
האָט געבליט אָן ווונדן.

ג י מ ל

דעמאָלט,
האָב איך זיך געלאָזט יינגליש פריי
אין וועג אַריין
דעם שיר השירימדיקן ווידערקול
צו פאַרנעמען.
דער טאָג, גאווהדיק הויך
איז געווען אָנגעטאָן אין כולו קאָלירן.
(פאַרשווער ניט דעם הימלישן שטאָם
פון בראשיתדיקע קלאַנגען).
כ׳האָב תמיד פאַרגעטערט
די ווילדקייטן פון היציקע לאָקאָמאָטיוון,
ווי אויך די אַכט הונדערט מיילן
דעם יידישן מאַנדלבוים צו געפינען.

דלת

און גאָט, ווי דו ווייסט
איז אין יעדן איינעם פון אונדז
דער ווויל באַקאַנטער מיטרייזנדער,
ווי דער חלום אין מיין דרימל,
וואָס צינדט אָן אַלע בליִענדיקע מיילן.

פאָרן מיר,
ער און איך ביינאַנד.
אַלץ איז מיטגעפאָרן —
ליכטיקער תּענוג פון יונגע יאָרן:
אי גלויבן, אי לידער,
אי ביימער, אי פאַרבן.
כ׳וועל תּמיד בענטשן די אַלע לידער,
וואָס ווילן ניט שטאַרבן
און די אַלטע קנייטשן
פון מענטשלעכן זכרון.
די לבנה, עלטסטע פון אַלעמען
איז אויך מיטגעפאָרן,
יונג, יחוסדיק, און לויטער שפּיגלדיק
אין די פרישע אויגן
פון יידישן פאָרכטיקן וווּנדער.

ה א

האָסט דעם יידישן אַלעפבייס,
די אַלע אָפּגעשפּאַרטע רעטענישן
אין דיין יהי־אור־שטאָט
אָנגעצונדן.
געפלאַמט האָט די קאַפּע מיט ליבשאַפט,
מיט יראה —
הלוואי איצט אַזוי און ניט אייערנעכטן.

מלא טעם דער רויטער וויין
און פרישער קעז
כפל כפליים!
דו און לעיעלעם —
דער מחיהדיקער לחיים!
און איך —
דער ניי געבוירענער פון דער מידוועסט פּריירי
האָב דווקא געוואָלט
צוויי קוואַטערס האָבן.
האָבן מיר זיך פאַרנאָפּלט צו אַ נאָמען
אַנטקעגן מיין טאַטנס שאָטן —
מיט שטערן, ווי הייליקע שבועות
פון אייביק ווערן.

ואו

איצט אין דער פאַמעלעכקייט
פון מיין צוריקקער —
דער שבת הינטער מיר
מיט אַ בינטל שטערן צוקאָפּנס,
די היילונג, זיי מוחל,
אַפילו ניט פון בעכער,
אַפילו ניט אין שוימיקן ציבור.

ווי זאָל איך מעסטן די מיילן צו דיר?
מיין מאַמע־טאַטע־ברודער־שוועסטערס
זיינען טויט!
ס׳גלוסט זיך וויינען דורך די אַלע אַנאָנסן:
אַז דער מילכיקער ווייסער ברויט
איז מקצר דעם טויט.
די לידער מיינע פּלאָנטערן זיך טייטשלאָז
אין זונטיקדיקן קדיש.

אָט עלטערן מיר זיך,
ברוך השם, מיט יאָרן.
אָנהויב־טאָג
וואַנדערט צוריק צו דער נאַכט,
די נאַכט, ווי תמיד, דער טיפער גאָרטן
באַפלעקט מיט צויבער,
פאַרהילט מיט חלום.

נאָר לעצטנס זוך איך דיין יונגקייט ווידער;
די ווייסע, פרייע טויבן פון סענטראַל פּאַרק.
כ'האָב זיך אָפּגעקייטלט פון מיין אַשיקן סיני,
פון אָנהייב-עלטערשאַפט אַפילו
דיך ווידער צו געפינען
אין די געמאָסטענע ברכות פון דיינע שבתדיקע לידער.

ויהי ערב

א. סוצקעווערן

א

ויהי ערב,
איצט איז רייף די פינצטערניש, געמיט.
אַלע גלוסטונגען אין דולן שווייגן,
אין דיינע אָרעמס די שירה, מיין ליד,
ווי אַ סגולה קעגן ליידיקע צווייגן.

ויהי ערב,
נישט אַנדערש אַ גזר פון מאָנסטערשע געבאָטן,
איצט וויל דער חלום, דער אייביקער קרבן,
זיך פאַרקנסן מיט מיין לאַנגן שאָטן.

ויהי ערב,
דער סוד פון ליכט איז אי אומעט, אי שאַנד.
ס׳בליצט דער עלנט דורך מילדע שויבן.
נאָר דו ביסט שוין לאַנג דעם שלאָף באַקאַנט:
אַנגסט און חידוש, דער משפט פון אויבן.

ב

מיין שרייבטיש, די וואנד, איז יונג, געפּלעפּט.
דער פאַרנאַכט דרימלט ווי אַ סידור.
דאָס ייִנגל צינדט דעם זונפאַרגאַנג,
די ליבע פיטערט מיינע לידער,

און צען מאָל די ליפּן אין שפּיגל געקייט
אַ גאָט־געפאַרבטער אויף דער סטעליע.
דער ווייסער שלאָף פאַרעקשנט ווי פראָסט,
יאָר־איין, יאָר־אויס, די פאַרפרוירענע קאַפּעליע.

דער הונט, ווי מיין אויער, שלאָפט פאַרטראַכט.
די ראַדיאָ שפּייזט אי מיט קעז, אי מיט ברויט.
דער ווינט אין אויער דעם סוד פאַרקניפּט:
אַז שענער פון טרער בליט דער טויט.

ג

די טרער אין ראָם, אַ ווייסער פלאַם:
גענוג באַוויינט אי גוף אי ביין.
אין טיפן שניי דער שטיין, מיין אויסגעפּוצטער ווײ.
די רגע אין אויג שווימט זויבערדיק קליין.

און ווי אַ קינד די בענקעניש זויבערט אין מיר,
כאַטש דער ווינטער־שטראָף —
אַן אָפּגעפּליקטער דעקרעט.
די שטערן קלינגען אין יעדער טיר,
נאָר די לבנה אַ באָרוועסע ווײנט אין מיין בעט.

קום, די שטאָט שאַצט דיינע אויגן.
די הייסע שריפט אין פאַרהויכטן שפּיגל.
כ׳מיין, אַז איך שטאַם פון די זכות־אָבותדיקע לאָרדן
וואָס זוכן אין שטיינערנעם גן־עדן — מיין וויגל.

ד

אַט אַזוי האָב איך דיך ליב,
ביימעריש שלאַנק דורך אַלע וויאָרסטן,
חלפדיק־יונג ווינטס אויסגעשריי!
ס׳זינגט די ווייסטקייט, ס׳טאַנצן האָזן;
דו וווּנדער!
דו וויי!

אַט אַזוי האָב איך דיך ליב.
שאָפּענדיק מיטצושפּאַנען
אין דער ווייסער שירה פון אויטאָ־דאַ־פע.
ס׳זינגט די ווייסקייט. ס׳טאַנצן האָזן;
דו וווּנדער!
דו וויי!

אַט אַזוי האָב איך דיך ליב.

ליבע אין אַ ווינטערנאַכט

ס׳שמעקט מיט עפּל און מיט גראָז,
דער דרום־ווינט רופט.
לאָמיר אויף שפּיצפינגער זיך אַוועקלאָזן
צום וואַרעמען ווונדער
אין איינעם.

לאָמיר ווערן איינס
מיט די ווינטערמיילן,
וואָס ליגן בירושה אין מיינע פּאַלעם
און ווילדעוועס פון די אייזבלוייִקע קליפּן —
אָנצינדן די גלוסטעניש אין לאַנגער לענג
פון מיינע ארומנעמענדיקע הענט.

זאָל פייער און שניי
אונדז ביידע פאַרקניפּן
אונטערן הימל, וואָס איז פול
מיט שטערן־זאָמען
פון מזרח, מערב, צפון און דרום.

דאָס יינגל אין מיר
געדענקט נאָך אַזאַ נאַכט —
אַ ווינטערנאַכט מיט פליִענדיקע אַנטלאָפן.

חצות־לידער

כ׳ליג פאַר דיר — אַן אָפּענער ספר.
קום און קוש אויס די בלויע שורות —
מיינע אָדערן.

מודה אני

ס׳בליט דער פרימאָרגן, ווי אין פלאַמען,
דורך די שויבן. אַלץ ווערט דערהויבן
און חסדיק בלוי:
די בערג, די טייכן, די ימען.
דער פרייער ווינט לויפט און לויפט מיר אַנטקעגן
דורך אַלע צאַמען,
רייסט אַראָפּ פון מיינע אָפּגעגאָסענע נעגל
די טראָפּנס וואַסער —
בעת די נייע ליכטיקייט צעהיימישט
דורך וואַלד און בלעטל
דעם גרינעם ניגון
פון אויפבלי —

מודה אני.

אויפבלי

זיי מיר מוחל, גאָט, פאַר מיין פויגלפלי,
פאַר מיין טירטל-שלאָף.
כ׳האָף דו וועסט מיך אויסהערן ווי אַנומלט
אין מיטן טומל
פון דיין סאָנעטן-וואַלד.

פון אונטער יעדן שטיין וואַקסט אַרויס
דיין גרינער גראָז — אַ מין אות
פון דיר צו מיר, דו זאָלסט מיך דערקענען,
דו זאָלסט מיך דערזען,
דו זאָלסט מיך בענטשן, ווי אין נחת קאָסטן,
מיר און מיינס,
אַלע מינים אַרום.

די זון, אַ שליח דיינער אָנגעטאָן אין גאָלד,
קיניגט איצט אין מיין געצעלט
און צינדט אָן ריטערלעך דעם אויפבלי,
דעם זומערגאַנג דורך בוים און וואַלד,
ווי דורך שויבן.

ליכטיקער שמועס

פון אַלע מיינע טראַכטעניש‏ן האָב איך פּלוצעם פאַרטראַכט
ווי אין דיינע ערב־בראשית־טעג, גאָט, אַ חלום,
דעם באַפליגלטן שלום צווישן טאָג און נאַכט,
און זיך פאַרפלאָנטערט אין די צעבליצטע צווייגן,
וואָס בליִען איצט ביי די ברעגן פון אַלע טייכן.

ביי די ברעגן פון אַלע טייכן וואַכן די ביימער
מיט צווייגן־ווענטקעס כאַפּן זיי פון מיין צונג אַראָפּ
יעדן שלונג
פון מיין פאַרטאָגיקער תפילה צו דיר
בעת דער רעגן וועקט מיך
פון קילן דרימל
צו אָפענע פענצטער פון מיין הימל.

פון יעדן מין בלענדיקט רייך די פאַרמעסטונג מיט דיר.
אַפילו די שפּין ווערט איצט אייגנס
אין אויגנבליק פון שלום.
דער עלעפאַנט באַפאַנצערט מיט וואָגיקע יאָרן
פילט זיך ניט פאַרלוירן, נאָר פלינקער און יינגער
אין שפּיגלדיקן טייך.

די שטערן, כ'וואָלט געשווירן,
באַלאָדן מיט גאָלד און מיט חלום, פאַרפאַסן ערב־זומער
דעם ליכטיקן שמועס דורך פענצטער און דורך טירן —
דעם „שהחזרת בי נשמתי״ אין אַ זמן פון קאָלירן.

צווייגנשפּראַך

פון דיין טיפעניש, מאַמע ערד, זינגט אַרויס זאַנגענפול
דאָס קאָרן.
האַר און קנעכט, ווינט און האָרן, אַפּלאָדירן דעם נס.
די ווייסע בלום,
וואָס שפּראָצט און שפּאַרט זיך אומגעריכט דורך דער
שטיינערנער וואַנט,
קלעטערט העכער צו מיר, צום נייגטן גאָרן.

די זוניקע סטרונעס לאַשטשען דעם פרישן זאַמד,
דעם געלן —
ס'איז ווידער זומער.
די וועלן שפּיגלען זיך דיר אַנטקעגן
און שלינגען די שטיינדלעך, וואָס פלאַטערן אין טייך.

אין וואַלד איז דער געוויש צווייגנשפּראַכיק.
די ליבע איז וואַך, בטחונדיק צעוואַרעמט.
אַפילו דער שטיין, דער נאַקעטער, זופּט אין זיך אַריין
דעם פרישן רעגנשפּיל —
די ווינטיקע בשורה, אַז ער איז מער ניט אַליין.

אַ סטאַדע שאָף

אויף אַ הויכן באַרג,
אַ סטאַדע ווייסע שאָף
טובלען זיך אין זונליכט.
אויף דעם פּאַסטעכס קאַרק — אַ פאַרזאַמטער וואָלקן,
ווי אַ שוואַרצער לאַם,
לאָזט זיך ניט אָפּשערן.

ער פליט אַוועק
איבער דעם ברייטן וואַלד
און לאָזט זיך אַראָפּ אינעם צעקעמטן טייך.
דער רעגן לויפט אים נאָך,
ווי טויזנט, טויזנט שאַרפע שערעלעך.

נאָר די לעצטע טראָפּנס איבערן באַרג
בלייבן הענגען פאַרטראַכטע, ווי קווייטן.
די אויסגעלייטערטע עדה שאָף —
פאַרחידושטע אונטער דעם רעגנבויגן.

ווען די נאַכט צינדט אָן די הונגער-ליכט
אין אַלע שויבן,
קומט די לבנה אַרויס און באַלייכט דעם וועג אַהיים
פאַר שאָף און פאַר רינדער —
אַזוי באַשיצט און היט אחד זיינע קינדער.

דורך דער גרינער בהלה

אַפילו אויפן שפּיץ קאָפּ פון דיין מויער
בליט אַ בלום.
דערום בליט אין זיכרון, ווי פון אַפּענע ספרים
דער בעז, דער צעשטראַלטער טייך,
פון קדמונים, וואָס ווערט גאָרניט עלטער;
און יעדער בוים, ווי אַ הירש פלינק,
שפּרינגט פּלוצעם איבער דיר דורך דער גרינער בהלה.

די אויסגעלייגטע שטיינער ביים ברעג,
ווי אַלטע תנאים, ווייסן דעם סוד פון ווערן —
די פישערלייט, זייט ביי זייט,
האָרכן צו און דערשפּירן מיט אַלע חושים
דעם שׂכר ועונש פון די געשולטע לוויתנלעך
וואָס ווילן נעבעך ניט טאַנצן אויף די ווענטקעס
אַרויף אויף דער יבשה,
צו דעם חלק־טאַנץ פון דער ערדישער סעודה.

אָבלדיקע רייד

א

דער טויט שפּרינגט פון די דעכער, ווי אַ קליין יינגל,
און פאַלט אַראָפּ ווי אַן אַלטער מאַן.
די אָרונדיקע גאַס פאַרזייט אים
און ס׳בליט דער מת,
פאַרכטיק שטיל.

גרונטיק פריש שמעקט די שעה פון קבורה.
ס׳הענגט הויך דער ווינט און דער רעגן אַפילו,
ווען ס׳טיפּט די פינצטערניש אימהדיק אונטער זיי
מיט תפילה.

ס׳בליצט די צייט, דאָס פעלד דורך יעדן צאַם און פלויט.
דער טייך דערנעבן, ווי תמיד, דער איינגעראַמטער
שפּיגל.
האָרך זיך איין, ווי די תחנונימדיקע גראָזן
דרימלען היימיש אויף שפּיצפינגער
לדורות —
לעולמים.

ב

אַלץ ווײנט. דער הימל, די שויב, די שוועל —
ווען דו פֿאַרגייסט אין מיר.
ווי אויסגעשטרעקטע הענט די יונגע ביימער
וועקן מיך ווי פֿאַר אַ שטורעם, לאמור:

מײַן יוגנט פֿאַרגייט
ווען דו פֿאַרגייסט אין מיר.
די אײלנדיקע כמאַרע, די נאַכט,
אַ שבֿועה בײַ מײַן טיר.

ס'ווילט זיך לויפֿן צום אָפּהילך פֿון די רעדער
און טוליען מײַן ליפּ צו דײַן שויב.
נאָר אַצינד איז מײַן לשון דער צאַפּל פֿון גראָזן —
דער גאָרטן איז באַפֿלעקט מיט רעגן.

דער ווינט שלינגט די מײַלן
און איך טרינק אַ גלעזל רעגן לזכּרון —
מחמת נידעריקער פֿון נאַכט איז מײַן טרויער
ווען דו פֿאַרגייסט אין מיר.

ג

כ'וועל צעקאַמען דעם רעגן
ווי אַ מאָל דײַנע קילע האָר:
צעלעשן דעם דורכזיכטיקן פֿײַער
און אַזוי ערנאָך צאַמען די חיה רעה.

איך לייג אויף דײַנע אויגן
די נעכטנס אין טיפֿן שלאָף:
און פֿון דער אײביקייט — אַ שטערן,
ווי אַ חתימה אויף דײַן ליפּ.

די ייִנגסטע מצבה

פון אַלע מצבות ביסטו די ייִנגסטע
וואָס שלאָפֿט שטענדיק צווישן די גראָזן.
דורך דעם גרינעם הימל בליקט דער שטיין עלנט,
ווי דיין געשטאַלט,
ווי די נאַכט אין טיפֿן וואַלד פֿאַרפּלאָנטערט מיט שלאָף.

אויף דיין בית־עולם בליט די בלינדקייט אַפֿילו שענער.
נאָר די שטערן, ווי שאַרפֿע נעגל,
זוכן אינעם האַרטן געלעגער דיינעם
די פּרטים פֿון דיין ניט ווערן.
און איך
זוך נאָך אַלץ דורך דער גרינער יללה
די לבנה, וואָס שמעקט מיט געבערן.

דער רייפֿער זומער קלאַפּט טרעוואָגע איצט דיר צופֿוסנס
מיט אַלט־באַקאַנטע בילדער פֿון רות און בועז.
דער ווינט פֿליט דורך די צווייגן אויפֿגעבונדן.
ער צערווישט די מדבר־שטילקייט פֿון דיין לאַנדשאַפֿט.
נאָר העכער פֿליט מיין ליד דורך דעם שטויביקן שימל
אַרויף צום הימל — דיך ווידער צו געפֿינען.

אין שטראָם פון זומער

איך האָב דיין נאַקעטקייט געצייכנט
אויפן פרישן זאַמד.
דער איינציקער מום איז געווען דער שאָטן.
ווען דער רעגן האָט מיט זיינע טראָפּנס
צעהויקערט דיין שווייגיקייט
בין איך עלנטער געוואָרן.

דערווייל — קיין זכר פון יענע סקולפּטורן.
אַ פייכטקייט האָט צוגעדעקט דיין פורעם.
געמיינט: ס׳וועט דער זומער תמיד אין דיר פאַרבלייבן
און באַרוועסדיק וועל איך דיך ווידער קנעטן.

נאָר דער האָר פון בוים און וואַסער באַגיסט אַלץ
אי מיט חסד,
אי מיט רעגן.
איצט
ווען איך האָב דיך באמת פאַרלאָרן,
וויינען אַפילו די בלעטער.

שטערנרייד

פון יעדן בוים און בלאַט
ג־ט
דיין צעבליטער סוד
ליכטיקט אין דרויסן.

אָבער מער פון אַלץ
די פייגלרייד
אַ מין מאַמע־לשון יידיש
מיר דוכט
שירהדיק אויף די צווייגן.
איז ניט קיין חידוש
די היימישקייט
צווישן מיר און דיר
אין גאָלדענעם גלות
ווי אַ מאָל אין די חדר־יאָרן.

מחמת ווי אין געפאַנגענשאַפט
גרויט דער שבת דיינער
דורך אַלע גערוישן אומדערקענט.
איז מיר ליב דיין פאָטערלעכער מוסר
אין רעגן,
די זוניקע הענט אויף מיין קאָפּ.

ברכי נפשי —
ווען די מעריב־שעה שפּרייזט אַריין
דורך די שויבן
און שפּייזט מיך, ג־ט, מיט דיינע שטערנרייד,
ווער איך תפילהדיק מיט לידער אָנגעצונדן
און אַלע אויסגעלאַשענע גערוישן
ווערן רחמימדיק שטיל.

אינהאַלט

בלוימאַנטיקדיק

לכה דודי 9
אין דעם בינשטאָק פון חלומות 10
ברכת המזון 11
חלום מיינער 12
ערב וואָך 14
שחריתדיק 15
צעפראַלטער עכאָ 16
זינגענדיקע פינגער 20
אין דער קאַלטער ממשלה 21
יאַגד 22
שיר השירים אשר לשלמה 23

על נהרות מישיגען

על נהרות מישיגען 27
אין נע־ונדישן צימער 31
אין די געצעלטן פון דרימל 33
יוגנט 38
פאַן אַמעריקאַניש 39

אַמעריקאַנאַ

אַמעריקאַנאַ I 43
דזשעק און דזשיל 44
די שאָלעכצן פון שטערן 45
איצט צום בייזבאָל־שפּיל 46
דער מאָדערנער אשרי 47
טעל־ראַדיאָ שירים 48
רעוורענד נעראָ צעטומלט דעם לאַנגוויל 49
ווינטער 50
אַמעריקאַנאַ II 52
אַמעריקאַניש 58
Beachcomber Abe 59
די ראָמאַנטישקייט פון סוזי קלון, די סאָרוועקע . 60
Retreat 61
אַ בריוול צו אַלען גינזבורג 62

אלבאָם

דער אייביקער אלף־בית 67
בין מנחה למעריב 58
אַזוי פלעגט מיין זיידע זינגען זמירות 69
דעם זיידנס שריפט 71
אָפּגעטראָגענע שיך 72
קדישדיק הויך 75
די קליינע שיך 77
אין מיין גאָרטן 78
צעריסענע שמועסן 80
מיין מלבושלאָזער פּעטער 81
אין זומערדיקן גרינען 83
מוטערשאַפט 84
קינדער מיינע 85
דיין געבוירן־טאָג, ישעיהלע 86
פרייד דו מיינע, פריידעלע 87
דורך אַזוי פיל פאַרעלטערטע וואָכן 88
איך לייג מיין זון שלאָפן 90
דער ספר און מיין קינד 92
איצט איז די סכנה, קינדער 93
דער בליענדער פרעמדער 94

פליענדיקע אַנטילאָפּן

צו אַ נאָענטן דיכטער־חבר 97
פאַוואָריט 98
אַ פאַרלעזונג אין ניו־יאָרק 99
יובילעי־שגעון 100
מיין שטאָט 102
אַזוי פאַרגייט אַ ברודער־דיכטער 103
אין שוואַרצער ראָם פון אייביקייט 104
אַ פּאַרשפּעקטיקטער בריוו צו יעקב גלאַטשטיין 107
ויהי ערב 114
ליבע אין אַ ווינטערנאַכט 118

חצות־לידער

מודה אַני 121
אויפבוי 122
ליכטיקער שמועס 123
צווייגנשפּראַך 124
אַ סטאַדע שאָף 125
דורך דער גרינער בהלה 126
אָבלדיקע רייד 127
די יינגסטע מצבה 129
אין שטראָם פון זומער 130
שטערנרייד 131

ביכער פון זעלבן מחבר:

אין יידיש:

אַמעריקע	1940
בלוימאַנטיק	1938

אין ענגליש:

The poet In Blue Minor
Paasages Of Refuge
Letters To my Unborn Son
Horn In The Dust
Golden Exile... (forthcoming book soon to be published)